STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03507

DER ANONIM FUN KOYT UN GLOYBN

M. Granitstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה גראַניטשטיין

דער אַנאָנים פון קויט און גלויבן

(שריפטן פונעם הויז פון לעבן אין טויט.)

בוענאָס איירעס
1951

ביכער פון משה גראַניטשטיין.

פּאָעזיע:

שטאַפּלען, לידער און געזאַנגען.

שיר השירים, אשר לגראַפּאַמאַניע. (מרוידאַד־באַלאַדן.)

די זינגענדיקע ביאַלאַגיע. (לידער.)

עסייאיסטיק און פּובליציסטיק:

פון תחום צו תחום, זכרונות און באַטראַכטונגען איבערן שטעטל.

טעאַטער — אוניווערס. (פּסיכאָאַנאַליטישע רעוואָלאַציעס פון דער מענטש־אימפּעריע.)

דערציילונגען און נאָוועלן:

וואָס האָט געוואָלט פרוי גאַסטער?

פון ביידע זייטן בריק.

די אַוואַנטורעס פון חבר האַמערל.

באַם וואַגזאַל.

באַשעלע. (אַ קינדער־נאָוועלע.)

מענטשן פון באַגינען.

צוריק צום געטאָ. (אַ פייער־פּראָבע.)

דער סאַלטעראַ. (אַ זאַמלונג.)

פאַרשאַלטענער זאַפּט.

האַרבסט־בלעטער. (אַ זאַמלונג.)

דער בעטלער, דער ליץ, דער סאָציאַלער מענטש. (אַ קליניש‏ע געשיכטע.)

די גאַנגרענע. (אַ געשיכטע פון ליבע און האַס.)

נאַראַ. (אַ געשיכטע פון ציניזם און גלויבן.)

איך — די קלאַטקע פון אידעאַל. (אַ געשיכטע פון יונג און אַלט.)

דער בונט פון די אייזלען.

דער פאַטאַלער אַקצידענט מיטן קאָמעדיאַנט מאַמאַנט.

בילדער פון אַפּגייענדן שטעטל:

ערשטער באַנד — דאָס שטעטל רעדט.

סאָציאָלאָגיע:

די מאַסע און אירע דערלייזער. (ווערטן־איבערשאַצונג.)

קורצע וועלט־געשיכטע פון אידישן פאָלק.

פּראָפעסאָר גאָט און פּראָפעסאָר אידיאָט. (אַ פּאַנעגיריק צום אויבערשטן און זיינע אַרומזוכער.)

התימות האדם והמענטשהייט. (אין אַפּגרונט פון פעלקער און צייטן.)

טרילאָגיע: פופציק יאָר אידיש לעבן אין אַרגענטינע:

באַלוואַנעווקע. (ראָמאַן, אין צוויי טיילן.)

מסעות פליגלמאַן. (ראָמאַן, אין צוויי טיילן.)

על חטא שחטאתי בראַטנפּאַרבאַנד. (ראָמאַן, אין דריי טיילן.)

מעמואַרן:

ליבאַוויטש, און די וועלט. (אַ שפּיגל־בוך פאַר דער מאָדערנער אידישער אינטעליגענץ.)

ליבאַוויטש רעדט צו דער וועלט. (ווידוי־מעמואַרן פון איינעם, שיצא ולא חזר.)

וואַלין, מיין היים, (ערשטער באַנד.)

וואַלין, מיין היים, (צווייטער באַנד.)

וואַלין, מיין היים, (דריטער באַנד.)

דער אַנאַנים פון קויט און גלויבן. (שריפטן פונעם הויז פון לעבן און טויט.)

איינזאַמלונגען:

אומעט. (אַנטיכאַציאַלע לוסט־געשיכטן.)

די מענטש־סימפּאָניע. (פּאַראַדאָקסן, אַפאָריזמען, עסייאיזמען.)

מענטש — אוניווערס. (עסייאיזמען, אַפאָריזמען.)

דער אומדערהערטער הער אומזין. (עסייאיזמען, אַפאָריזמען.)

די אייביקע תפיסה. (עסייאיזמען, אַפאָריזמען.)

חבר דר. חיים גאָלדשטרייך

צום אָנדענק

די געבענטשטע מענטשלעכע פּיין.

(אַ כראָניק, דערציילט פון אַ שרייבער.)

א.

שוין זינט לאַנגע יאָרן געווען אין דעם, אַז איך האָב שווער געהאַט געליטן פון אַ וואונד אין דער אַסתומכאַ, באַגלייט פון אָפּטע בלוטונגען א. אַ. וו. דאָס, צוזאַמען מיט אַנדערע ערנסטע מיחושים, בין איך זיכער, האָט געמוזט לייגן אַ ספּעציפישן חותם אַף מיין אַרט שרייבן, די גאַנצע צייט; נאָר באַזונדערס האָט זיך עס געדאַרפט לאָזן מערקן און אַפילו נעמען ווארפן שטאַרק אין די אויגן — אין די לעצטע יאָרן, ווען, פּאַראַלעל מיט מיין פאַרשטאַרקטער אינטענסיווער גייסטיקער פּראָדוקציע, זענען אויך געשטיגן אומגעהויער און עס האָבן זיך פאַרטיפט — די פּיזישע יסורים פון מיין גוף; וועלכע האָבן מיך שוין נישט געהאַט צורו־געלאָזן, כמעט דעם גאַנצן מעת־לעת, מיך געפּייניקט אָן אויפהער; געהאַלטן ווי צוגעשמידט געפּענטעט מיין פולע אויפמערקזאַמקייט און, ווי צו אַ מעדיום, שאַרף מיר באַפוילן: „— שאַף!..״ היינט, איז אַ רבותאַ, הלמאַי אַלע מיינע לעצטע ווערק, אין זייערע פאַרשיידנסטע זשאַנערן, זענען פאַרגעקומען אַזוי דורכונדורך אָנגעווייקט אָנגעזאַפּט מיט אַזויפיל פּיין, וויי, טרויער, לייד, און טויט, וועלכע זענען געוואָרן פון מיר סובלימירט דערהויבן ביז צו דער איידלסטער דורכגעלייטערטקייט פון אַ אוניקום־אידעאַל פון וועלט־דערלייזונג?..

דאָך, נישט געקוקט דאַרויף, וואָס מיינע היבש־בכבודיקע און רעספּעקט־צו־זיך־פאָדערנדע פּיזישע יסורים האָבן געקראָגן, אומגעריכט, (ווייל, געהאַט צו טון מיט מ י ר,) אַזאַ הויכן גייסטיקן תיקון, — האָבן זיי, דאָך, (און אפשר — דווקאַ דערפאַר,) נישט געזאָגט צו זיך: „— גענוג״; און, נאָר זיי האָבן נישט נאָכגעלאָזן, נייערט זיי האָבן נישט אויפגעהערט אַלץ צו וואַקסן, ווערן שאַרפער בראַנדיקער; און צו־שטיין צו מיר — נאָך צודרינגלעכער, ווי געווען, דאָס הייסט, צו מיין גייסט: „— אַז איך זאָל זיי ווייטער טון דערהויבן, מיט מיין שאַפן!..״

נאָר איך, (אַזוי, אַלנפאַלס, האָב איך געמיינט, אַז איך פיל,) האָב דאָס שוין פאַרטראָגן מער נישט געקענט; געשפּירט, ווי אין אָט דער אָנגעשפּאַנטקייט וועט קומען, אומפאַרמיידלעך, אַ דורכרים — און איך וועל מיך איינברעכן, פאַרזינקען... דאָן, בין איך אַוועק צו מיין אַלטן פריינט, דר. ח. גאָלד: אַז ער זאָל מיך אונטערזוכן, באַטראַכטן; עצה׳נען, וואָס צו טון...

געוועזן בין איך מיט אים באַקאַנט פונדערנאָענט, שוין זינט יאָרן. געבונדן אונז, אַגב, און געמאַכט ציען צו איינאַנדער האָט, אפשר גאָר, (ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט פאָרקומען,) אונזער איינע און די זעלבע גייסטיקע טעטיקייט — שרייבעריי... ער, דער דר. ה. גאָלד, (אַ טונקעלער ברייט־געזעצטער מיטלוויקסיקער מאַן, אין סאַמע בלי פון די האַרבסט־יאָרן,) איז געוועזן — אַ זאַפטיקער שרייבער. ער האָט געשטאַמט פון אַ אַרגענטינער ברייט־צעצווייגטער קאָלאָניסטישער פאַמיליע. אויב ער איז דאָ אין לאַנד נישט געבוירן געוואָרן, איז ער אָבער געהאַט אַראָפּגעקומען אַהער, צוזאַמען מיט זיינע עלטערן, נאָך גאָר אַלס פיצל קינד; און אַזויווי זיי האָבן זיך באַזעצט באַלד אַף ערד בא דער איק״אַ, אין אַ קאָלאָניע פון באַראָן הירש, אין דער פּראָווינץ ענטרע־ריאָס, — האָט ער געהאַט דאָס גליק, אין זיינע געבענטשטע קינדער־יאָרן, איינצוזאַפּן און לאָזן אויפגיין און זיך צעבליען אין זיין געמיט — אַזוי צו זאָגן, אַפן שוים פון דער מאַמע־נאַטור — דעם פולן זאַפט, די זוניקייט און די גאָלד־שפע פון זאַנג און געזאַנג, באַנאַנד מיט דעם (אויפגעהיטן, אויס ערגעץ אַלטע היימען אַראָפּגעבראַכטן, און דאָ באַנייס פאַרפלאַנצטן און אויפגיין־געלאָזענעם) קאָלירפולן פּרימיטיוון שטייגער לעבן פון דעם אידישן קליינעם שטעטל... אָט די דאָזיקע אייביקע עלעמענטן — נאַטור, זון; אוניווערסאַלער אָטעם פון אור־אַלט־אייביקן אידיש־פאָלקסטימלעכן קאָלאָריט־שטייגער און לשון — האָבן פאָרמירט אין דר. גאָלד זיין גייסט; און אים פאַרוואַנדלט אין אַ אומהיילבאַרן אומקאָרעגירלעכן זון־צעשטראַלטן, פון גאָט־געבענטשטן פלאַמיקן ענטוזיאַסטישן פאָלקס־אידעאַליסט; מיט אַ זאַפטיקער גאַנצער קינדיש־אומבאַרירטער נשמה פון אַ פאָלקס־דיכטער, אַ טרוימער, אַ טיף־אומדערשיטערלעכער גלייביקער, וואָס קוועלט אָן, נאָכאַנאַנד אומויסשעפּלעך, מיט יונג שיכור געזאַנג צו זיין אייביקער געליבטער — דאָס אייביקע פאָלק פון דער וועלט... אַזוי, האָט ער זיך דערנאָך רעוועלירט, מיט זיין זאַפטיקן פאָלקישן שוואונג־דיכטערישן אידעאַליזם, אין די סטודענטישע יאָרן, ווען ער האָט שטודירט מעדיצין; אַזוי, שפּעטער מיט יאָרן, אין זיין פרוכטבאַרער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, אַלס רעדנער און אויפקלערער פאַר פאָלקס־מאַסן — אין די רייען פון די פּראָגרעסיוו־געזאָנענע שיכטן, אידישע, ווי אַרגענטינער באַגלייך, דאָ אין לאַנד; יאָ, אָבער אָט די דאָזיקע טעטיקייט, וועלכע האָט געשלאָגן בא אים אויס דער טיף פון זיין גינגאָלדענער קינדישער זעל, איז תמיד געקומען באַגלייט בא אים, האַנט־אין־האַנט, מיט זיין קאָנקרעט־שרייבערישער שעפערישער אַקטיוויטעט, (באַזונגען, אין פאָרם פון ליד און פון נאָוועלע, זיין קאָלאָניסטישע קינדהייט;) עם הייסט, מיט זיין דיכטערישן אייביק־יונגן פאָלקישן אומדערשעפּלעכן קוואַל, אויס וואַנען.

מע האָט עס געזען בחוש, עס האָט, כסדר, נאָכאַנאַנד, אָן־אויפהער, צוגע־שטראָמט אין זיין געמיט — די אומדערמידלעכקייט, דער גלויבן, דער ענטוזיאַזם; מיט איין וואָרט, דאָס גאַנצע קינדישע געזאַנג, דער ליבע־פלאַטער צום קינדישן פאָלק... אַזוי, האָט אָט דער לויטערער סובלימיר־טער ליריזם באַהויכט אין אים אַלדאָס גאַנצע, וואָס ער האָט געטון, מיט אַ ליבן לויכטנדן האַרציקן געזונטן שמייכל; און דאָס האָט קיינמאָל נישט צוגעלאָזט אין און אַרום אים — קיין צווייפל, וואַקלעניש, אומצוטרוי, נייןֿ, פאַרקערט. ער, דער קינדיש־דיכטערישער זוניקער ח. גאָלד, האָט תמיד גע־טון אויסשטראַלן און פלייצן־צעוואָרפן אַרום זיך בשפע אַזויפיל זוניק־בונ־טע גאָלד־סנאָפּן פון קינדישער אייביקער האָפענונג, פון מוט און פון אומ־שולדיקן גלויבן — אין דעם אייביק־מענטשלעכן, דעם געטלעכן קוואַל פון דעם ק י נ ד ־ פ אָ ל ק ...

מע האָט, דאַרום, געדאַרפט פאַרשטיין, אַז אויך דר. גאָלדס פאַרמעלע פּראָפעסיע, די מעדיצין, איז נישט געווען באַ אים — סתם אַזוי, אַ צו־פאַל; נייערט, אַלס באַרוף, האָט זי געבילדעט אַ באַשטאַנד־ (אויב נישט — אַן עיקר־)־טייל פון זיין גאַנצער אידעאַלער אַקטיוויטעט; און זי איז אַרויסגעוואַקסן אין אים, ווי אַרויסגעשלאָגן, אַלץ אויס דעם איינעם און דעם זעלבן קוואַל — פון גלויבן אין דעם קינדיש־אומשולדיקן מענטש פון פאָלק; ווענען מע מוז היילן פון אַלערליי איבלען; נאָר, דער עיקר — מע ק אָ ן אים דערהיילן פון אַלץ; ווייסט איר, פאַרוואָס? ווייל — געזונט איז דאָס פאָלק, דער מענטש, זיין נשמה, זיין גייסט, זיין אייביקער גע־רעכטער דראַנג צו זיין, צו קיום; און היילן היילט מען, ווי באַוואוסט, מיט מוט, מיט גלויבן, מיט האָפענונג; ווייטער, אַלדאָס אַנדערע איז — אַ נעבן־זאַך, אַ צוגאָב, אַ אונטער־הילף... הײנט, טאָ ווער דען איז די קרעפּ־טיקע האָפענונג, דער מעכטיקער אָנשפּאַר, דער אומדערשעפּלעכער קאָבי־קער קוואַל פון אייביק־זיך־באַנייענדן, אָן־אויפהער־זיך־דערפרישנדן גלייבן, אַז נישט — דער אומשטערבלעכער מענטש אַליין פון דער ערד, דאָס אייביקע פאָלק?..

אַזוי, ווי מע זעט, איז די מעדיצין באַ דר. גאָלד געוואָרן געשטעלט אין צענטער פון זיין דיכטערישער טעטיקייט; און זי איז דורך אים געוואָרן דערהויבן צו דער קרוין פון עכט פאָלק־געזאַנג...

● ●

נאָר, צום אָפּאָגיי, (ווייל, כידוע, האָט דאָך יעדער איינער פון אונז, אָן אויסנאַם, העט ביז צום סאַמע־איינפאַכסטן אַפילו און פּרימיטיווסטן אויף דער ערד, אין זיין ליבע־שפּיל־פלאַטער־קאַמף צווישן לעבן און טויט,

אט ווי דאס שיכור־פרענעטיש־פארליבט־זיך־שטרעקנדע־אין־אנגסט־
צאפלענדע פליגעלע אנטקעגן דעם פלאקער — זיין אפאגיי...) פון זיין
ליבע־פלאטער, פון זיין ראמאנס מיט דעם אייביקן אוניווערסאלן פאלק
פון דער וועלט, איז ער, דער עכט־אידישער דיכטער ד״ר. גאלד, דערגאנ־
גען — בעת דעם אויסברוך פונעם בירגער־קריג אין שפאניע... דאן, האט
ער זיך אויפגעהויבן, אליין; זיך־אפגעריסן גוואלדזאם פון דער ערד, פון
אט דער פארוואַרצלטקייט אין באדן, לאנד, היים, באקוועמלעכקייט, צו־
געוואוינטקייט, איינגעלעבטקייט, אנגעווארעמט אונטערגעבעט ארט, גרא־
וויטיר־שטייגער פון יארן, בענדער פריינט־פיינטלעכע אלערליי, דראונ־
גען, ריזיקעס, שרעקונגען, געפארן, באקלערונגען, ווארענונגען, שפעטער־
דיקע פאלגן; און ווידער — שווער־לייביקייט, אפגעוואוינטקייט פון
ברייטע ראשיקע באוועגונגען, אונטערנעמונגען, פרייע מעכטיקע שוואונ־
גען, פלי־צוגן, פארמעסטן; איבערגעריסן, מיט נאבעלן צארן, אט די שווע־
רע פענטענדע טויט־זשאווערנדע לאסטן פון די אנגעראסטעטע איינגע־
געסענע אין זיינע גלידער קייטן; זיך פרעכטיק־שיין אומגעדולדיק געטון א
טרייסל־אפ פון דעם אלעמען פארייינמאל; און בליץ־שנעל, ווי אן אדלער
— יונג, עך, מיט יענער באנייטער ראש־אויפגעשלאגענער אייביק־ווי־
דער־אנקוועלנדער יוגנט פון דעם הייליקן גלויבן אין מענטש און אין זיין
פרייהייט; און ווי אפן באפעל פונעם גורל, אט דעם אייביקן שיקזאל פון
פאלק, וואס האט א זיד־אויף געטון גלייך־אומפארזאמט אין זיין געמיט
און אים גערופן, — האט ער, ווי געזאגט, אליין, געלאזן הינטער זיך —
אלץ, דאס טייערסטע, אינטימסטע, היימישסטע, נאענטסטע און אין
הארצן־איינגעבאקנסטע; מיט איין ווארט, אלעס, וואס א מענטשן פער־
זענלעך (יעדן איינעם, אן אויסנאם,) קאן נאר זיין ליב, היימיש און
טייער; און בעת ער צעגייט זיך מיט זיי, זיינע ליבסטע, דער צאפל־
אטעם פון זיין בלוט, ווייסט ער, אז ((צוליב ד ע ר , אדער יענער סיבה
— פאליטישע קאמפראמעטירונג, אלגעמיינע וועלט־רעאקציע, לאקאלע,
(אזעלכע, צי אנדערע) לאנד־אומשטענדן,)) קאן זייער־גריילעך און כמעט־
זיכער געמאלט זיין, אז ער וועט אפשר קיינמאל מער צו זיי נישט קענען
צוריקקערן; אז דאס, אט דער איצטיקער פירוד, זאל זיין און ווערן און
שוין אזוי פארבלייבן — א ריס אף אייביק; דאס הייסט, אף זיין גאנץ
רעשט לעבן, זיך גענומען און פארורטיילט, מיט איין שריט, מיט זיין
איצטיקן — אף שוידערלעכער איינזאמקייט, עלנטקייט ווי א שטיין,
אליינזאמקייט, גענצלעכער אויסגעווארצלטקייט...; און דאך, טוט ער עס,
ווייל ער קען נישט אנדערש; ווייל עס איז זיין שרעקלעכער זיסער מוז,
זיין הייליקער אידישער חוב, דער איינציקער זין און באזינונג פון זיין
ביז־איצט אפגעלעבט לעבן; די גרויסע שעת־הכושר, א, די אנגערייפטע

הייליקע מינוט, צו וועלכער ער האָט זיך, אַ וודאי, געגרייט — ביודעים, און אומבאַוואוסט, מיט זיין געדאַנק און מיט זיין בלוט, מיט זיין גאַנץ לייב און לעבן, זעל, גייסט און געמיט — ביז אַצינד; מיט אַלע פיבערן פון זיין קיום און זיין; מיט אַלע זיינע ביז־איצטיקע טואונגען טאָג־טעגלעכע, אין משך פון זיין לעבן, פון לאַנגע יאָרן, טואונגען און פלאַטערונגען, פיינען זאָרגן און מאַטערנישן, יאָ, מיט דעם אַלעם — אָט ווי אַ פרוזדור לטרקלין, ווי אַ געליבטע טוט עס זיך גרייטן, מיט הייליקן צאַפּלענדן פלאַטער־עקסטאַז און פירכטערלעכן זיסן אַפּאַטעאָז, צום שרעקונגס־פלאַמיקן באַהעפט מיט דער ליבע, — אַזוי האָט ער זיך דאָס געטון גרייטן, זיין לעבן לאַנג — צו אָט דער גריילעכער פאַטאַלער, איינמאָל אין לעבן פון מענטשן־און־פעלקער־גורלות זיך־פרעזענטירנדער, געלעגנהייט; און איצט, אויב ער וועט אָט דעם רוף נישט דערפילן, און זיך אַליין שענדלעך־איבלדיק פאַראַטן און דערמאָרדן זיין זעל, — היינט. צוליב וואָס *לעבט* ער אַף דער וועלט, *האָט* ער געלעבט, *וועט* ער לעבן ווייטער? צוליב וואָס פאַר אַ זין; און זיך אַליין נישט ווערן נמאס אָנצוקוקן; און אַליין, מיט די אייגענע הענט, זיך נישט דערווערגן, פאַר עקל?!.

יאָ, איז, אַזוי אָ, ווי אַ באַפרייטער פון אַלץ, נאָר אַ פאַטאַל־געבונדענער לעולם־וועד צו זיין שיקזאַל, צו זיין בלוטיקער אייביקער ליבע צום פאָלק פון דער וועלט, וואָס קעמפט איצט פאַר זיין אָטעם און חיות, דאָרט אין שפּאַניע, — האָט ער זיך אויפגעהויבן, ווי אַ שטילער באַשיידענער טראָוואַדאָר, אָדער גאָר ווי אַ צעשטראַלטער פלאַקער אַלציינס, וואָס האָט קיינמאָל אַזוי העל נישט געלויכטן, ווי אַצינד; און ער איז אַוועק אַהינצו־צו: זיך איצט באַהעפטן, אינגאַנצן, אומצעשיידבאַר, מיט זיין פאָלק, אַף לעבן און טויט; און אפשר — ווער ווייסט? — מער אַף טויט, ווי אַף לעבן...; און העלפן בלוטיק גלויבן — נישט געקוקט אַף אַלץ — אין מענטש און אין זיין קאַמף פאַר פרייהייט אַף דער ערד...

דאָרט, האָט ער זיך פאַרזאַמט, די גאַנצע צייט, אָט די אַלע פאַטאַלע יאָרן, (ווער עס געדענקט זיי נאָר,) פון טיטאַנישן קאַמף — פאַר דער עלנטער אומגליקלעכער וועלט. דאָרט, האָט ער זיך באַהעפט, קאָן מען זאָגן, מיט זיין אייביקער ליבע, מיט דעם הייס־בלוט־געליבטן אוניווערסאַלן אינטערנאַציאָנאַלן פאָלק, אינגאַנצן, אָן אָפּהאַלט, מינדסטע רעזערווירונגען, „...ניין. מיין לעבן איז דיינס. דיין טויט איז מיינער. איין גורל הויערט אַף אונז אַלע באַגלייך...“ יאָ, און דאָרט — אין יענעם שוידערהאַפטן גורל־קאַמף פאַר וועלט און מענטש, אָ, אַף יענע אַפּאָקאַליפּטישע שלאַכט־פעלדער, אַף די אין בלוט און פיין אָנגעזאַפּטע בעט־געלעגערס פון ליבע און האַס, וואו עס איז דאַן געוואָרן אַזוי טראַגיש אויסגעפאָכטן

דער פינצטערער מאָרגן פאַר דעם לעבן, — האָט ער געהאַט דאָס שרעק־לעכע גליק, די גרויזאַמע זכיה, די באַלוינונג: צו דערזעען, צום ערשטן מאָל, אין זיין שווער ערלעך האַרעפּאַשנע לעבן פון אַ דיכטער, אַ פאָלקס־טראָוואַדאָר — זיין היים־געליבטע, דאָס וועלט־פאָלק, אַזוי נאָענט־אינ־טים, ווי קיינמאָל... אָבער, (אָ, הערט זיך גוט איין!) באַנאַנד מיט ד ע ם, מיט דער אַנטפּלעקטער אומשטערבלעך־קוואַליקער ליבע פון דעם אייביקן פאָלק, האָבן זייביידע, (ער, און דאָס פאָלק,) זיי אַלע, אין יענע זעלטזאַמע הרת־עולם־שעות, דאָרט, אַפן שייד־קרייצוועג פון גור־לות פון פעלקער און וועלטן, אויך געהאַט דאָס טראַגישע גליק און די זכיה צו דער גרויל־האַפטער רעוועלאַציע: אַריינצוקוקן פנים אל פנים, (אַזוי שרעקהאַפט־נאַקעט, ווי דאָס קאָן נאָר זיין) — דעם טויט, איניינעם מיט דעם לעבן; און יאָ, און צוזעען, באַ דעם ראַנד פון לעבן און טויט — אָט דאָס מיסטעריעזע אַנגסט־וואונדער: וויאַזוי דאָס אַלמעכטיקע אייביק־יונגע אומבאַזיגבאַרע אומבויגזאַמע קינדישע פאָלק פאַרוואַנדלט, אין די קוואַלן פון טיפסטער מאָוימדיקסטער פיין, יאָ, טוט עס באַקערן אין עס מאַכט צעגיין צעשוווימען אויפלייזן דאָס פינצטערע בייזע געשטאַלט פון טויט — אין קאָכיקע באַניי־אויפשלאָגנדע אייביקע ליכטיקע גליק־טרערן־קוואַלן פון לעבן... דאָס וואונדער, וויאַזוי טויט ווערט באַניי צו לעבן געבוירן... אָ, די רעטזעלהאַפטע דו־פּרצופימדיקע רעוועלאַציע פון לעבן אין טויט — אין איינס...

ד אָ ר ט, איז ער, דער שטילער באַשיידענער לאַיאַלער אידישער דיכטער ה. גאָלד, פאַרבליבן, באַ דער זייט פון זיין עלנטער היים־געליב־טער, דאָס פאָלק, (וועמען בוכשטעבלעך־כמעט די גאַנצע וועלט האָט גע־האַט פאַרלאָזן, אַז זי, די ליבע, זאָל אָפּגיין אין איר בלוט, אויסהויכן, אויסגיין, פאַרגיין,) ביז לעצט. ער האָט אויסגעהערט צוגעזען פאַרנומען אַלע אירע געשרייען, גוואַלדן, אומנאַטירלעכע מיתה־משונהדיקע גרוילן, שענדונגען, פּייניקונגען, אָ, דורך די אַלע מאָנסטעריעזע בעסטיעס, וואָס האָבן זיך אַלץ געבאָדן און געשפּעט געלעסטיקט אין איר בלוט; און ער, דער אידישער אוניווערסאַלער דיכטער, דער סאָלדאַט, דער וואַכמאַן פון דער וועלט, יאָ, ווי געזאָגט, האָט דאָס אַלעס אַריינגעזאַפּט אין זיין פאַר־פינצטערט דערשלאָגן אומגליקלעך געמיט; נאָר געבליבן אַף זיין ערן־פּאָסטן פון בלוט און פיין, אומדערשיטערט, אומגערירט... און ער האָט ווייטער געהיילט, מיט אייפער און פיבער, ווי געוועזן; און באַנאַנד מיטן פאָלק, זיין געליבטער, ווייטער געזונגען, אין ברעד, דאָס הייליקע, אין ימים בלוט און טויט, זינט וועלט איז וועלט, געלייטערטע געזאַנג פון ליבע האָפענונג און גלויבן אין דעם מענטש...

ביז דער לעצטער אַקט אין יענעם פּראָלאָג פון דער וועלט־דראַמע

איז שוין אויך געווען צו־ענדע; און דער דיכטער גאָלד איז, (באַנאַנד מיט טויזנטער אַנדערע אַזעלכע ווי ער; לעצט־פאַרבליבענע רויכערנדיקע האָלאָוועשקעס פון דער אָקאָרשטיקער גריילעכער אָפּגעברענטער פאָלקס־שריפה; מיט יענע, אַזוי צו זאָגן, בעסטע און בראַווסטע זין פונעם פאָלק, אַף וועמען עס האָט ערשט געלאָקערט נאָך פאַרצוקונג, זיי פאַרפאַלגט און זיי געיאָגט — די שיכורע בלוט־דורשטיקע בעסטיע, וואָס האָט געזיגט,) אַוועק פון דאָרט, אַפּריכטן גלות אין דער וועלט...

• •

וואו ער איז אַלץ אויסגעווען, אין משך פון די יאָרן, וואָס זענען געקומען דערנאָך! ביז וואַנען, ער האָט, ענדלעך, באַוויזן ווידער זיך־דערשלאָגן אַהיים, צוריק קיין אַרגענטינע... ער האָט אויסגעזען גראָ, פאַרקלערט; אָבער, נישט פאַרעלטערט. צוריקגעקערט האָט ער, ערשט, פונקט אַזוי שטיל באַשיידן, ווי ער איז געהאַט אַוועק. האָט ער דאָך תמיד פיינט געהאַט ביז ווידערווילן דעם פאַלשן אָנשטעל, דעם פוסטן גערויש, די לעכערלעכע טיפּשותדיקע פּאָזע; ווייל שטיל, אָ, ווי באַוואוסט, און באַשיידן איז די עכטע ליבע; און זי רעדט מער צום פילנדן האַרצן, מיט איר שווייגן און שעמעוודיקייט, איידער ווי מיט טויזנט קלינגענדע בראַוואָדעס פאַראַמאָל... אַזוי, איז ער אַרומגעגאַן, אַ צייט, צווישן היימישע, באַקאַנטע און געשוויגן; און, אַף אַ איידעלן אופן, זיך אַרויסגעדרייט פון צו ווערן אַריינגעצויגן אין שמועסן, אַ טאַראַראַם, אַ סענסאַציע. ניין, דערצו האָט ער נישט דערלאָזט; און אַף אַלע צודרינגלעכע צושטייענישן פון זלידניעם, פון אָנשיקענישן, יאַבעדעס, פּלוידערזעק, האָט ער געענטפערט אומפאַרענדערט מיט זיין גוטמוטיקן וואַרעמען ליכטיקן שמייכל פון תמיד, וואָס איז איצט געקומען באַגלייט פון אַ צעפּיר מיט זיינע ביידע הענט, אויסגעשטרעקט צו אייך, אין תחנונים, ווי איינער רעדט:

— גזלנים! וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט — האָט איר צו מיר? זאָגט: וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך אייך געטון?..

און ווירקלעך, מיט אַן אמת: וואָס וויל מען פון אים? וועמען האָט ער דען, חלילה — דער גוטער און וואוילער האַרציקער טייערער ליבער מענטש פון אַלע יאָרן, פון זינט הערן און געדענקען — אַמאָל עפּעס אָנגערירט, אַף אַזויפיל?.. פאַרקערט, אַדרבה... היינט, פאַרוואָס זאָל מען אים באַלעסטיקן, אומזיסט־אומנישט, אים נישט לאָזן צורו, ווען מע זעט, אַז ער שוויגט?.. אָ, מסתמא רעדט זיך נישט, ברודערקע; גענוג אָנגעבידעוועט; אַ קלייניקייט, וואָס מע האָט עס דאָרט אַלץ דורכגעמאַכט; דער צער, די ימים פּיין און לייד; דעם טויט, טויזנט מאָל אין דער מי־

גוט, געזען שווענן פאַר די אויגן; געלאָזן פאַרקילט פאַרשטאַרן, פאַר שווידער, דאָס אָרעמע בלוט אין די אָדערן; טאָ, וואָס איז די רבותא, אַז דאָס האַרץ איז פאַרהאַרטעוועט, ווי אַ שטיין צוגלייך, און עס שטומט? וואָס האָט עס דען נ א ך צו זאָגן, וואָס, צו־געבן? קאַרג האָט מען זיך אָנגעהערט דערוועגן, אָנגעלייענט? טאָ, וואָס האָט איר געוואָלט נאָך: אַז ער זאָל אַרומגיין איבער די גאַסן און שרייען, מאַכן גוואַלד; וועט עס העלפן?.. אָ, האָט איינזעען; לאָזט אַ מענטשן זיך־אומטראָגן שטיל מיט זיין וויי...

און מען האָט אים, נישט באַלעסטיקט מער — דירעקט. אָבער, נישט דערפאַר, האָט ער אויפגעהערט זיין די טעמע פון געשפרעכן, פון נייגע־ריקייט... שפאַניע האָט — ל א נ ג , נאָך איר פאָלקס־קאַטאַסטראָפע, נאָך אַלעמען, זיך נאָך אַלץ געפונען בא יעדן אף די ליפן, אין מויל, פאַר־בליבן אין געדאַנק, טליען ברענען אין האַרצן; די פיין, דער ווייטיק, די בראַנדיקע וואונד איז געווען פריש אין איטלעכן; זי האָט געבלוטעט, גע־שרפהט, געצאַפּלט; און אַז עס טוט ווי דעם כלל, כידוע, שרייט ער, לאָזט ער הערן זיין קול. ווייל שפאַניע איז — אין לויף פון די יאָרן, וואָס עס האָט אָנגעהאַלטן דאָרט דער פאַרביטערטער, פאַרצווייפלטער קאַמף, געווען — דער צאַפּל־אָטעם, די טויט־און־לעבן־האָפענונג פון דער גאַנצער וועלט, אָדער, ריכטיקער, פון דעם פאָלק, פון די אידעאַליסטי־שע פאָלקס־מאַסן אין דער וועלט, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט, מיט אַ פאַרכאַפּט און ציטערדיק געמיט, אַלע אויף־און־אָפּ־אַלטערנאַטיוון פון יע־נעם גרייזלעכן געראַנגל צווישן ליכט און פינצטער אף דער וועלט; ווייל אין שפאַניע האָט דעמאָלס זיך געוואָרפן אין שלאַכט דאָס גאַנצע בייז און דאָס פולע ליכט פון דער וועלט; ווייל דאָרט, (ווי דערמאָנט אויבן,) איז געוואָרן געפאַכטן — די זועלט־דראַמע, דער ווייטערדיקער גורל פון דער וועלט; אזוי, אַז, נאָך דער ענדע פון דעם פּראָלאָג, דעם פאַרשפּיל, האָבן אַלע אין דער וועלט דאָן געשפּירט, אין אָט דער מיט שוועבל־אָנגעלאָדן־פאַרבליבענער אַטמאָספער: אַז — ווייטערעס פאָלגט; אַז אָט באַלד, אָ־ליאַדע מינוט, וועט באַניים ווערן אַרויפגעצויגן דער פאָרהאַנג; און די ריכטיקע יאָרע שפיל פון דער וועלט־דראַמע וועט, ערשט מיט אַ רעכטן אמת, זיך־אָנהויבן, צעפלאַקערן, און ווערן פאַרגעזעצט, נאָך ביתר שאת תוקף ועוז, איידער ווי ביז אַהער; אָ, די וואָרע שפּיל, ווי אַלע זעען איין בחוש, דאַרף זיך ערשט אָנפאַנגען... נו, און צו אָט דער דאָזיקער פאַטאַ־לער שפּיל אין דער וועלט, וועלכע געפינט זיך, אַצינד, ווי מע זעט צו, אין סאַמע־צענטר פון די געשעענישן, פונעם לעבן, האָט ער, דער ליבער האַרציקער מענטש, דער דר. גאָלד, גענומען, (פאַר אַלעמען, אזוי־ווי גאַנץ־אומגעריכט,) און געטון אַנבאַהעפטן אין איר זיין נאָמען; שיר נישט —

זיין גאַנץ לעבן; און עס איז געוואָרן, דאַרום, אוממעגלעך, (ווי אַלע וועלן שוין צוגעבן אַליין,) אים ערשט צו קענען אַרומגיין... שפּאַניע איז געווען — לעגענדע, עפּאָס פון פאָלקס־העראָאיזם, טיטאַנישער פּאַטאָס; און ער, דר. גאָלד, האָט זיך געפונען און געלויכטן אינדערמיט פון דעם דאָזיקן בלוטיקן אָרעאָל; היינט, וויאַזוי וואָלט גאָר געקאָנט זיין אַ רייד וועגן אים נישט־דערזעען? וואָרום, אויב איטלעכער, מיט זיין פּערזענלעך לעבן, האָט אַ רעכט זיך־איינצוהילן אין דעם, ווי אין אַ הערמעטישן לבוש און שווייגן, — איז ע ר דאָך אָבער געווען — ד ע ר, וואָס האָט אַליין גענומען בידים, אומגעצוואונגען אומגעטריבן פון קיינעם, און אויפגעבראָכן גוואַלדזאַם אַלע פּערזענלעכע צוימען און מחיצות פון זיין אייגן לעבן, און געאיילט און עס איבערגעענטפערט אינגאַנצן — געטוי ווי אַ פייער־אָפּפער, אַף דעם מיזבח פון זיין וועלט־אידעאַל — צום פאָלק! טאָ, איז דאָך, אַ וודאי, אינטערעסאַנט ערשט צו וויסן און צוקוקן, זעען: צוליב וואָס האָט ער צוריקגעקערט; און וואָס ער זוכט ערשט באַניים צו טון; אָדער, ריכטיקער: וו ע ר עס האָט צוריקגעקערט...; צי דער זעלבער, וואָס איז געהאַט אַוועק אַהינצו; עס מיינט צו זאָגן: אַז, אפילו ווען ער איז צוריקגעקומען, (נאָכדעם, פאַרשטענדלעך, וואָס זיינע אויגן נעבעך האָבן אַלץ דאָרטן צוגעזען — ווי מע מאָג זיך דאָס פאָרשטעלן אַליין — וואָס די מענטשלעכע בעסטיע האָט אַלץ געטון צום אייגענעם ברודער־מענטש...) — אָנגעבראָכן, פאַרמאַטערט, צעפּייניקט, — איז ער דאָך — נישט־איינגעוואָלגערט אינגאַנצן; נישט־אויסגעברענט אין אים די לעצטע רעשטן פון מוט, גלויבן, האָפענונג אין וועלט, מענטש, אידעאַל; און אפשר: דווקאַ — דערפאַר...; דאָס הייסט: אַז, ווי יי ל ער האָט צוגעזען, ווי גרויס עס איז די דראָענדע געפאַר מיצד דעם שונא — פאַר דעם מענטש, — איז ער גרייט, (גלייך נאָך זיין ערשטן גוטן אויסרו פון זיין פאַרמאַטערטקייט, פון הינטערוועגנס, פון אָט די אַלע שווערע איבערלעבונגען,) באַניים זיך־וואַרפן אין קאַמף, פאַר דעם וועלט־אידעאַל פון מענטש — מיט מער מוט נאָך און ברען, ווי פריער; אָ, ווייל די סכנה איז גרייסער; און דער פיינט רוט נישט...; אָדער גאָר, חלילה, דער ליבער דר. גאָלד האָט צוריקגעקערט — נישט ד ע ר, וואָס איז געווען אַוועק... דאָס הייסט, קלאָרער, מיט אַנדערע ווערטער: אַז יענער האָט מער נישט צוריקגעקערט; אָ, יענער איז דאָרט געפאַלן, ווי פילע טויזנטער אַנדערע בעסטע האַרציקע מענטשן־קינדער, אין גורלדיקן קאַמף פאַרן פאָלק... און צוריקגעקערט אַהערצו האָט, ערשט — ווער? אָ, זאָגט, קינדערלעך: ווער האָט דאָ אַצינד זיך אומגעקערט אַהיים?..

אַזוי, ווי מע זעט, איז דער שטילער באַשיידענער פאָלקס־דיכטער דר. גאָלד, דער שווייגער פון תמיד, און וועלכער האָט ערשט צוריקגע־

קערט פון שפּאַניע און פון דער וועלט — נאָך איינגעהאַלטענער, שטילער, באַשיידענער און פּאַרקלערטער פון פריער, — געוואָרן, קעגן זיין ווילן, די זאָרג־טעמע פון פריינט און היימישע; זיין נאָמען, ווי דערמאָנט, איז שיר נישט צו לעגענדע געוואָרן צובאַהעפּט, צו אומדערקלערלעכקייט, צו רעטעניש; און, ווי אַ דבר המובן מעצמו, איז זיין יעטוועדער וועגנטועלער נעכסטער שריט געוואָרן געהיט און אויסגעקוקט דערוואַרט, ממש מיט דער גרעסטער אומגעדולד...

נאָר, נישט לאַנג איז, דאָס מאָל, אויסגעקומען צו וואַרטן. אינקורצן, האָט דר. גאָלד פאַרעפנטלעכט אַ באַנד פּראָנט־לידער פון שפּאַניע. אין זיי איז ער, דער אידישער פאָלקס־דיכטער, דאָס אייביקע גרויסע קינד, איצט דערשינען — אין דער פולסטער טראַגישסטער שיין, אָ, פון זיין בלוט־צעפּייניקטן אומדערשיטערטן גלויבן אין דעם אייביקן אומשטערבלעכן קינד פון דער וועלט — אין דעם פאָלק; אָ, וועלכעס איז געוואָרן געבענטשט און אויסדערוויילט פון גורל אַליין פון אַלע וועלטן: אויסצוברענען, אייביק צו טרעטן, אין בלוטנדער פּיין, אין אָנבליק תמיד, פּנים אל פּנים, מיטן טויט — נייע טראַגישע שליאַכן פון לעבן פאַר אַלע אָן־אויסנאַם אָרעמע מענטשן־קינדער פון דער וועלט... אָ, די דאָזיקע לידער, האָט מען געזען, זענען געווען: אַ דעלירישער אַפּאָטעאָז פון גלויבן, וואָס שלאָגט אַרויס, ווי אַ בלוטיקער קוואַל, אַ געשריי — אויס דעם סאַמע־טראַגישן האַרצן אַליין פון דער פאַרצווייפלונג... אַזוי, האָט געררונען און אָנגעשפּראָצט און געפּלייצט דאָס וואַרעמע קאָכעדיקע פאַרפּייניקטע בלוט פון דעם פאָלקס־דיכטער, אויס די דאָזיקע לידער זיינע; וועלכע האָבן אויסגעזונגען די מיסטעריע, די זעונג, די רעוואָלאַציע פון איינעם; וואָס האָט, איין מאָל, דערזען אָפּגעפּרעסט אַף זיין געמיט, (אַזוי, אַז אַף אייביק שוין וועט עס פאַרבלייבן,) — דעם טויט; און וועלכער האָט עס, אַליין מיט זיין אייגן לייב, איבערגעלעבט און צוגעקוקט, ווידער, דאָס שרעק־וואונדער: וויאַזוי דאָס אייביקע פאָלק, דאָס קינד, האָט אָט דעם זעלביקן טויט, די פּיין, געטון אויפלייזן אין זיין שטורמיש אויפגעזאָדן גלויבנד בלוט; און אַזוי, אים צו לעבן באַקערן; אָ, צו טראַגישער אַנטפּלעקונג פון ליכט...

איצט, זאָל דאָס האָבן געווען, ווי דערמאָנט פריער — דער אָפּאָגיי־שוואונג פון דעם פאָלקס־דיכטער דר. גאָלד; נאָך וועלכן, אַפילו דער שטאַרקסטער מעכטיקסטער אָדלער, (ווי עס האָט געלערנט דער דיכטער גוטע,) קאָן העכער פון זיינע אייגענע פליגל מער נישט דערלאַנגען?.. איין מאָל אין זיין לעבן, זינגט אויס איטלעכער, (אַזוי, אַלנפאַלס, איז יעדער באַרופן — עס צו טון; אויב ער אַליין איז נישט — זיין אייגענער שונא, וואָס זעט, ממש בידים, אָט דעם באַרוף זיינעם,

דאָס הייסט, זיך־גופא, אומצוברענגען; און זיין אייגן לעבן נישט — ווי געהעריק — אויסצולעבן;) זיין העכסט, זיין שטאַרקסט געזאַנג; און דער אָדלער, דער דיכטער, ווידער, פליט זיין העכסטן, זיין שטאַרקסטן פלי... נו, און דערנאָך — וואָס? לייגן זיי זיך אַוועק און שטאַרבן? ווער זאָגט דאָס? אַ, באַין אופן אין דער וועלט נישט! דער אָדלער פליט ווייטער, (ווען אַפילו — נישט העכער) כל זמן ער שפּירט, ווי עס טוט אים נאָר ברענען אונטער די פליגל. ער פליט, ווייל ער גלויבט — אין דעם פלי, אין דעם לעבן, אין דער וועלט... נו, און אויך דער דיכטער לעבט ווייטער, און ער זינגט, אין זיין שוואונג, — כל זמן ער טוט נאָר שפּירן: אַז עס בריט אים דאָס געמיט; דער גלויבן אין דעם לעבן, אין דער וועלט. אין דעם פאָלק... (ווייל: נישט די מפּלה ברעכט אונזער מוט און שוואונג. — נייערט, פאַרקערט: אונזער דערשעפּטער מוט, די איבערגעברענטקייט פון אונזער געמיט, שאַפט און גרייט צו פאַר אונז און אין אונז גופא — דאָס אויפהערן בריען אונטער די פליגל; דעם אויסקוק אַליין אַפילו אויף דער מפּלה...)

און אַזוי, האָט אויך ווייטער געטון דער פאָלקס־דיכטער דר. גאָלד. אַן עטוואָס צוריקגעהאַלטענער, אמת, אַ פאַרקלערטער, און, (ווי איך וואָלט געזאָגט,) אַ פּאַרטרוימטער, אַ ווייטלעכער, ווי אַ צוריקגעצויגע־נער; אָדער אַזויווי איינער, וואָס הערט און פאַרנעמט — ווייטע אָפּ־הילכן, קנאַלן; אפשר, דאָס דונערן פון שלאַכט־וואָפן, קאַנאָנען, ביקסן; צי גאָר, די ווילדע אומנאַטירלעכע גרויל־געשרייען פון פּיין, טויט און קאַמף; יאָ, אַזויווי איינער, וואָס זעט ווייטע שוידער־וויזיעס פאַר זיין דמיון; יאָ, ווי איינער, וואָס האָט געהאַט די טראַגישע זכיה — צו זעען דעם טויט; און ער שפּירט נאָך דעם אויפרודער פון דעם אַלעם, דעם אומרו, די דערשיטערונג, אין זיין געמיט, — האָט ער, ד אָ ך, איצט, צוריקגעקערט צו זיין פריערדיקער, באַליבטער טעטיקייט, די מעדיצין; דאָס הייסט: ווייטער היילן, לינדערן מענטשלעכע פּיין; זיך שטעלן, בפירוש, פּנים אל פּנים מיטן טויט; אַ, היימיש, אַלט־באַקאַנט, אָקערשט־נישט־לאַנג, געפּאַכטן מיט אים — דאָרט, אויף די שלאַכט־פעלדער פון דער מענטשהייט...; און אַזוי מוטיק, אומאַנטשראָקן, ווי דאָרט; עליי, דאָס קומט גאָר פאַר, איצט, באַניים — דאָרט, דאָ, איבעראַל; אַזויווי אומאיי־בערגעריסן; איין בלוטיקער המשך פון אויסשלאַכטונג, און פון ווייטער־דיקן הערן שן פאַרמעסט, פון אייביקן אומויפהערלעכן אומונטערגע־בראָכענעם קאַמף פון פאָלק, אַ, זינט וועלט איז וועלט, קעגן טויט און פאַר לעבן; און דער רויש, דער קאַמף, דער ווילדער ליאַרעם, דאָס וואָפן־קנאַלן, וואָס ברענט אים זיינע געהירן, איז: אי — דער אָפּהילך פון ד אָ ר ט , אי — דאָס ווידערקול, דער אָפּרוף, אַ, דער טראַגי־

שער קאַמפּס־אויסגעשריי פ ו ן א י צ ט, פון אייביק, — יאָ, איז, אין טיפן אומדערשיטערלעכן קינדערשן גלויבן אין דעם ליכט־גורל פון מענטש און וועלט, פאַרפירן מיט אים, ערשט, ווידער, דעם גריילעכן קאַמף, און אים אַליין, (דעם טויט,) צו לעבן באַקערן; אַ, באַניים באַ־ווייזן דעם נס, און אים באַזיגן; א י ם ג ע וו י נ ע ן — פאַר דעם אייביקן לעבן פון פאָלק...

אַזוי, האָט ער, חבר גאָלד, (וועמעס אויגן האָבן געהאַט דאָס אומ־גליק, אָקאָרשט נישט לאַנג, אין שפּאַניען, אַריינצובליקן, אַזוי גרויל־האַפט־טיף, אין דעם גוואַלדזאַם־אויפגעריסענעם תהום פון מענטשלעכן מאָרד־שיגעון, און צוזען, אַזוי שרעקהאַפט־אָפּגעשונדן־צעשאָסן־נאַקעט, די גיפטיקסטע וואונד־דראַמע, די צעפוילטע גאַנגרענע פון שאַנד־פאַראַט און ברודער־מאָרד; און דאָס האָט געקאָנט אָפּנעמען דאָס לשון באַ דעם שטאַרקסטן), — צוריקגעקערט — אינגאַנצן פאַרשטומט; גאָר נישט דער־ציילט; ווי געבעטן רחמים, מיט זיינע בליקן: „...אַז מע זאָל אים נישט אָנרירן; עס טוט ווײ...“ איצט, האָט ער גענומען, און זיך איינגעשלאָסן אין זיין לעצטן מיקלט, אין דעם רעטונגס־ווינקל פאַר זיין געמיט; און אַזויווי איינער, וואָס האָט אויסגעזען ד אָ ך צו האָבן איינגעהיט ע ט וו אָ ס פון זיין קינדערשער שלימות פון אַמאָל, אַ, פון פאַרצייטנס, פ אַ ר אָט דער גרויזאַמער אָדיסייע אין זיין לעבן, — האָט ער, ווי גע־זוכט, קענטיק, צו פועלן איצט באַ זיך, גוט אַריינשלאָגן אין זיין זעל — איינס:

„...איך האָב גאָרנישט געזען; איך האָב גאָרנישט געהערט... אָ, איך גלויב אין דיר, מענטש; און איך הייל...“

יאָ; אַזוי, האָט ער זיך איבערגעגעבן, ממש, (ווי מע האָט עס געזען,) מיט אַזאַ טראַגישן אייפער, ווי קיינמאָל, אָט דער הייליקער עבודה — צו ראַטעווען מענטשלעך לעבן פאַר דער וועלט...

אויפגענומען האָט מיך דר. גאָלד אין זיין קאָנסולטאָריע — עטוואָס צוריקגעהאַלטן, פאַרקלערט; ווי עס איז שוין אַזוי געוואָרן זיין שטייגער, אין די לעצטע יאָרן, זינט יענעם צוריקקער; און עס האָט, דאַרום, נישט באַדאַרפט חידושן; באַזונדערס, זיינע פריינט, די, וועלכע האָבן אים גע־קאָנט און געדענקט פון פריער; ווייל, נישט קיין סאַך מי האָט מען זיך באַדאַרפט געבן, אויך אַצינד, אַרויסצוהערן פון זיין שטים און, גלייכ־צייטיק, אַרויסצוזען אויס דעם נעפּל־שלייער פון זיין פאַרטרוימטן און עטוואָס־צעשטרייטן נישט־דאָהיקן בליק: וויאַזוי עס שלאָגט אין אים די זעלבע האַרציקייט, וואַרעמקייט, זיין ליבלעכקייט און דאָס שטרעקן זיך

זיינס אייך אַנטקעגן, ווי געווען, ווי אַמאָל, נישט געענדערט אַף אַ האָר...

ער האָט לאַנגזאַם באַטראַכט די פּאַרשוואָלענע וואונד, די ערטער פון די שמאַרצנדע בלוטונגען; פאַרנומען, אַ ווײַלע, (קענטיק, העכסט־אויפמערקזאַם און אַפילו מיט אַ נישט־אויסבאַהאַלטענער איראָנישער קוריאָזיטעט אינעם בליק,) מיין קלאָגן זיך איבער די געפּערלעכע יסורים — פון דעם אַלעמען; נאָר, גלייך דאַרויף, (אין פלוג, אַזוי כלאַחר־יד,) האָט ער פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס — וועגן מיינע ליטעראַרישע שאַפונגען פון די לעצטע יאָרן... איינמאָל מיר געשטעלט אַ פראַגע, צי צוויי, — האָט ער מיך מער נישט געשטערט; נאָר, גראָד פאַרקערט, מיט גרוים געדולד, איצט גענומען אויסהערן ד אָ ס , וואָס איך האָב אים גע־האָט מיטצוטיילן, און צו שילדערן, העכסט־בהרחבהדיק, (אָט אַזוי, ווי עס איז שוין געוואָרן מיין טבע צו שרייבן, און צו שמועסן, אַלציינס): אַלץ מכוח דעם, וויאַזוי מיינע ליטעראַרישע אָנשטרענגונגען פון אָט דער דאָזיקער צייט, עס הייסט, די אויסגוסן פון מיין געמיט, זענען דורכגע־דורך אָנגעזאַפּט, כ׳וואָלט געזאָגט, עפּעס מיט אַזאַ מין שאַרפער נאָגנ־דער בענקשאַפט, ממש, מיט אַ לעבנצנדער דורשטיקייט — צו טיפע פּי־זישע אויפטרייסלענדע יסורים, פּיין, וויי, לייד, טויט, פאַטאַליטעט...

— דר! וואָס זאָל דאָס אַלץ באַטייטן? שוין־זשע — אַ פאַרבאַרייטונג, אַ פאַטאַלער אָנזאָג אַף דעם, וואָס מיך דערוואַרט?!.

דר. גאָלד האָט דאַרויף גאָרנישט געענטפערט. ער האָט בלויז אויסגעוואַרט, אַ ווײַלע. געזען, אַז איך קוק צו אים, מיט אַנגסט, — האָט ער ווייטער באַ מיר געטון אַ פרעג:

— וואָס איך לייען, שטודיר, אין די אַלע יאָרן...

און ווי ער וואָלט מיר, דעם מיד־געוואָרענעם בלאָנזשער, ערגעץ אין אַ מיטנוועג, דערלאַנגט ערשט אַ שטויס, געגיבן אַ פרישן אימפּולס, ווי־דער אַ ריכטונג אָנגעוויזן, — אַזוי האָב איך מיך באַנייס אָנגעכאַפּט אין דעם אָקאָרשט־געווען־איבערגעריסענעם קנויל־פאָדעם, וועלכן ער האָט שוין געהאַט פאַרבונדן און, מיט אַזויפיל ליבלעכקייט, אים מיר געטון שטרעקן אַנטקעגן; און איך האָב ווידער גענומען פון אים אָפּוויקלען, אָדער אויף אים אָנוויקלען, צי נאָכמער פאַרוויקלען — אָט דעם גריילעכן פּלאָנ־טער... איך האָב ווייטער גערעדט, (איך אַליין,) אומגעשטערט, וועגן אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט געלייענט, אין אָט די יאָרן. פריי האָט אויפגעשלאָגן, איז געפלאָסן מיין אימפּעטדיקער ווערטער־שטראָם. (מיין רע־דונגס־אַהט.) עס האָט זיך באַקומען, ווי פון זיך אַליין, דער איינדרוק: אַז, איבער אַלץ, טיילט זיך אויס אין מיר, (אַזוי, פון תמיד אָן,) דאָס געלייענטע, שטודירטע — אין רוסיש: דאָס לשון, (נאַטירלעך, נאָך אי־דיש,) וואָס איך האָב גענומען איינזאַפּן אין מיין געמיט, זינט דער סאַ־

מע־פריעסטער יוגנט, העט, נאָך אין מיין הײמלאַנד, וואָליניע, וואָס אַף דער אוקראַינע, בײַ די ראַנדן פון דעם גרויסן רוסלאַנד... איך האָב גע־זאָגט:

— דר! איבער דער גאַנצער רוסישער ליטעראַטור, אַפילו אַף איר הומאָר, הויערט און עס דריקט שווער, (אַזוי פיל איך) — איר אומגעהויע־רע פּאַטאַליטעט, (די — פון איר פאָלק,) וועלכע באַפעלט: צו שווײַגן, און נאָכטראַכטן... צו רעדן, שילדערן, דערציילן און, גלײַכצײַטיק — ש וו יי ג ן, און נאָכטראַכטן... צו לאַכן, (אָפּלאַכן, אויסשפּעטן דאָס בייז, דעם סאָציאַלן איבל,) און, גלײַכצײַטיק — ש וו יי ג ן, (זיך פאַר־האַלטן, אַלע מאָל, אַ רגע, אין אַ הפסק,) און נאָכטראַכטן: וועגן אָט דער גרייליכער אחריות, (פון דעם פאָלק, און פון זיין ליטעראַטור,) אויסצו־ברענען, אין שרעקלעכער פּיין — נייע טראַגישע שליאַכן אין לעבן, פאַר דעם מענטש...

נאָר, א י ך, האָב אַלץ ג ע ר ע ד ט; און דר. גאָלד, (אַ פאַרקלערטער; ממש, מע האָט ערשט שיר נישט געקענט אַנטאָפּן מיט די הענט די שווערע וואָלקנס, וואָס זענען אומגעגאַנגען איבער זיין נאָכמער־פּאַרטונקלט־געוואָרן געשטאַלט,) האָט אַלץ ג ע ש וו י ג ן. ער האָט בלויז, איין מאָל, צוויי, געוואָרפן אַ ווי דורכן־נעפּל־דורכדרינגענדן בליק אַף ד ע ם, וואָס האָט זיך געפונען אַצינד פאַר אים, און געהאַלטן אין איין רעדן אַזויפיל — אַלץ, מכוח דער טיפזאַמקייט און חשיבות פון שווייגן... ניין; ער, דער טאַקטפולער פאַר־עקסעלאַנס, האָט זיך נישט אויסגעגעבן, איין רגע אפילו, מיטדערמיט, וואָס בײַ אים אין מוח, אַצינד, האָט זיך אַלץ געדאַרפט אָפּטון, זיך־קלערן — וועגן אָט דעם טשיקאַוון סוביעקט, דעם לץ, (עם הייסט, וועגן מיר): וואָס שטייט אָט־אָ־דאָ פאַר אים; פּראַוועט עפעקט־ביליקע שטיק; פּראַלט און פּלוידערט, אַזוי טעאַט־ראַליש־געשמאַקלאָז; און טוט זיך אָזש אַליין באַלעקן פאַסמאַקעווען מיט זיינע אייגענע פאַרכלינעטע עלאָקווענטע לאַמענטאַציעס וועגן — פּאַטאַ־לער טויטלעכער פּיין, און ש וו יי ג ן ...

ביז, אויך דער לץ האָט זיך, ענדלעך, געכאַפּט, אַז עפּעס גייט דאָ פאַר מיט אים — נישט־גלאַטיק; (וו אָ ס, אייגנטלעך? אַ, וועגן דעם, האָט ער דערפאַרן — און ווי דער לייענער וועט דאָס, בקרוב, אײַנזעען אַליין — ערשט שפּעטער...;) און ער איז דאָך, מיט מזל, אַנטשוויגן גע־וואָרן... איצט, האָט ער גענומען וואַרטן: אַז ער, דער דאָקטער, זאָל זיך־אָנרופן... נאָר, צו זאָגן, קענטיק, איז דאָ, ווירקלעך, נישט־געוועז — וואָס... מע האָט געדאַרפט אָפּערירן; דאָס איז אַלץ...

...— און ווייטער, וועט איר שוין אויסגעפינען, אַ ל יי ן ... — האָט דר. גאָלד צעפּירט מיט זיינעביידע הענט; זיי געשטרעקט פאַראַמאָל

צום פּאַציענט; און איצט, שוין מיט זיין פולן פּנים געשמייכלט; אַ סימן: אַז ד ע ר באַזוך איז, מיט גליק, געווען צו־ענדע; אַנדערע קראַנקע וואַרטן...

און איך, האָב מיך גענומען גרייטן — צום אומפאַרמיידלעכן; און טאַקע, פאַרוואָס נישט — צום פּאַטאַלן?...

ב.

ווי דער אינטעליגענטער לייענער האָט זיך שוין, אַ וודאַי, געמוזט געבן רעכענונג, (וואָרום, צוריקגערעדט, און טאַקע פּשוטו כמשמעו, אַן קאָמפּלימענטעווען: ווועלכער, אויב נישט סופּער־אינטעליגענטער לייענער, וואָלט עס, בכלל, געהאַט געדולד צו מיר?) איז, פון צווישן אַלע מיינע גרייסלעכע מעלות טובות גענומען, אַלס שרייבער און מענטש, טיילט זיך אויס, און עס וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן, אָט ווי דער סאַמע־שענצטער בריליאַנט אין דער קרוין, ממש שיר נישט צום פאַרבלענדט צו ווערן — מיין אומבאַשטרייטבאַרע נטיה, העט צו דער פאַבלהאַפטסטער סופּערלאַטיוויטעט אַליין. אַליץ, (מאָג עס זיין, אַן און פאַר זיך, עס הייסט, אין דער נאָרמאַלער מענטשלעכער מאָס געהאַלטן — ווי אומבאַדייטנד און קליין; נאָר) קוים האָט די זאַך געהאַט דאָס מזל, אַז איך האָב מיך צו דעם צוגערירט, — אַזוי וועט עס שוין מוזן אַפּערקומען פון מיינע הענט, נישט אַנדערש, ווי נאָר — טראַנסצענדענטאַל, מאָנסטעריעז, גיגאַנטיש, מאָנומענטאַל, גרוילהאַפט, נידערטרעכטיקהאַפט, שרעקהאַפט, גרויזאַמ־האַפט, ברוטאַלהאַפט, פירכטערלעכהאַפט, מאַוימדיק, אומדערבאַרעמדיק־האַפט, שאַלקהאַפט, פחדימדיק, גורלדיקהאַפט און שיקזאַליש. דאָס איז — אַף סאַמע־געוויינלעכע פאַלן געזאָגט געוואָרן. נו, און על אחת כמה וכמה, איז דאָך שוין אַ וודאַי אָפּגערעדט, אַז אַזאַ פאַל, אַ שטייגער, ווי דער מינדסטער ראַץ אין פינגער, וואָס אָדער א י ך האָב עמיצן דער־לאַנגט, אָדער גאָר יענער — מ י ר , — אַזוי איז דאָך נאַטירלעך, וואָס נאַטירלעכער קאָן שוין גאָרנישט זיין: אַז נידעריקער פון באַצייכענען עס — אַלס פאַטאַלן אַלצעשמעטערנדן, אַלצפאַרלענדן, אַ, אָ, אָ, (לפּחות, דריי מאָל אַזוי,) אַלצפאַרוויסטנדן און אַלצפאַרטיליקנדן קלאַפּ, אונטער־געטראָגן אַלס מתנה פון דעם סאַמע־ראָדנע געשפּענסטיקן רעטזעלהאַפטן אייביקן אומשטערבלעכן שיקזאַל אַליין, פאַר אונז, די שטערבלעכע — וועט איר עס נישט אויספירן באַ מיר, נישט פועלן, באין אופן אין דער וועלט; און מאַטערט אייך נישט, מיינע ליבע; עס איז אומזיסט די מי; און די טירחא אייערע בלייבט אַרויסגעוואָרפן... — פאַרוואָס דאָס איז

מיט מיר אַזוי? — וועט מען טון פרעגן; און מיך בפירוש דאַרורך שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט. איך ווייס? מיסתּמאָ געשעט צו מיר אַזוי, דערפאַר, ווייל איך בין — אַ מאַניאַק, אַ דריאַן, אַ גאַרנישט; דער אַזויצוזאָגענער אָפּפאַל, וואָס ליבט, באַגערט און גייט אויס צו מאַכן זיך — וואַזשנע... אָבער, אַ נפקא מינה — דאָרט; אַזוי איז עס, און פּטור... מע קען זיך, דאַרום, אָנשטויסן אַליין: וואָס פאַר אַ איינדרוק אַזאַ־אַ שמענדריק אײ־נער, ווי איך, מיט מיין פּאַטאַליטעט־לונג־און־לעבער־זיך־טון־באַמבלען אַף דער נאָז, האָב עס געדאַרפט מאַכן אַף דעם טיפן טראַגישן געמיט פון דעם שטילן באַשיידענעם דר. גאָלד, וועלכער האָט, אין די לעצטע יאָרן, אַזויפיל געהאַט איבערגעלעבט; אוןווירקלעך, געשטאַנען, כסדר, פּנים צו פּנים, מיטן טויט...; איז אַצינד, דערזעענדיק אומגעריכט פאַר זיך אַזאַ־אַ דעקלאַמאַטאָרישע גראַגער־אַנשיקעניש, ווי איך, — האָט ער זיך, אַ וודאי, געמוזט קלערן, טיף באַ זיך, אין זיין אינערן:

„...אַ, זויגלינג, זאָג: פונוואַנען האָסטו זיך פּלוצים דערנומען?!.“

נאָר, (ווי דערמאָנט אויבן, מער פון איין מאָל,) איז ער, דער דר. גאָלד, געווען אַ הערמעטיש־אין־זיך־איינגעשלאָסענער (שוין אפשר מער, ווי אַ גלייכגעוויכטיקער) — שווייגער. געלאָזן פאַלן דאָס סאַמע־נויטיקע וואָרט, זיין אורטייל — אָפּערירן, — איז דאָס געווען פון זיין זייט — גענוג. ווייטער, דאָס איבעריקע; דאָס הייסט, וויאַזוי דאָס אַלעס וועט זיין מחויב צו ווירקן אַ ף מ י ר; מיט איין וואָרט, אַט דאָס אַזויגערר־פענע: מיך טון, ווי געהעריק, צוגרייטן — מ י ט ן ג ע מ י ט, (וואָס איז געווען, אַגב, נישט־ווינציקער אימפּעראַטיוו־נויטיק, איידער ווי טון־פאַרבאַרייטן דעם פּאַציענט — פיזיש,) — אַ, דאָס האָט ער שוין, אַ וודאי, מיט אַ רואיקן געוויסן, געלאָזן, קענטיק — צו מיר אַליין; ווייל, ער, האָט שוין געהאַט די געלעגנהייט די־והותר צו דערקענען זיין סוביעקט; און טון וויסן־זיין, אַז עס איז זיך פאַראַן דאָ, אַף וועמען צו פאַרלאָזן...

און ווירקלעך, האָט לאַנג נישט גענומען, נאָך אין דעם זעלבן טאָג פון מיין ערשטן אָפּגעשטאַטן באַזוך באַ אים אין דער קאָנסולטאַריע: און, איך, דער גאַנץ־גרייזלעכער העלד, וועלכער, (ווי מע האָט עס פריער גע־האַט צוגעזען אַליין, אַזוי באַשיינבאַרלעך־קלאָר,) האָב מיך געפונען, אין פלוג, אַזוי־אומאָפּפרעגבאַר־אומצווייפלהאַפט, היימיש־פאַמיליאַריזירט, אַ פּאַניע־בראָט אַ גאַנצער מיט דעם סאַמע־ראָדנע טויט, מיט דער פּאַטאַ־ליטעט, און אַזוי־זשעדנע־אויסגעגאַנגען־געלעכצט, (ווי איך האָב מיך פריער פאַרן דאָקטער אַזוי־בראַוואַדיש גערימט,) נאָך טיף־דערשיטערלע־כער, דעם סאַמע־גרונט־אויפטרייסלענדער פיזיש־שאַרף־שניידנדער פיין, — בין, בסך־הכול, אין געציילטע עטלעכע שעות שפּעטער, געווען, בוכ־שטעבלעך — אויס מענטש... אָט די דירעקטע שרעק פאַרן טויט, מיט

וועמען, (איך האָב עס פּלוצים דערשפּירט אַזוי ברענענדיק זיך־טון אָפּ־דרוקן אין מיין בלוט,) עס שטייט מיר פאַר, גאָר אינקורצן, אַזאַ קאָנ־קרעטער גאָר־אומצווויידייטיקער ראַנדעוואו, אַ קאָנפראָנטאַציע; און דאָס — נישט, ווי מיט קיין אויסגעקוקטן דערוואַרטעטן געגאַרטן פריינט, און דערלייזער, (ווי איך האָב עס געהאַט בראַווירט, אין מיין שרייבעכץ פון די לעצטע יאָרן, און אָקאָרשט נישט לאַנג — פאַרן דאָקטער אַליין,) נייערט, ווי מיט אַ פיינט, אַ פאַרביטערטן קעגנער מיינעם, מיט וועמען איך קום דאָ פאַרפירן אַ האַרטנעקיקן פּאַטאַלן שטרייט; ווייל ער, (ווי דער דאָקטער האָט מיר פאַרזיכערט,) האָט זיך אַזוי ברוטאַל איינגעקלאָ־מערט, און ער האַלט זיך מיט זיינע גיפטיקע קלעשטשעס אַזוי טיף אַריינגעדרענגט אין מיין צעיאַטערט בלוטנד לייב, אַ, אַז עס וועט שוין גאָר נישט אַזוי לייכט זיין, און אַ וודאי וועט עס נישט אָנקומען ווי אַ שפּילעכל — אים, דעם פרעכן שונא, אָפּצוטרייבן...; יאָ, איז, איצט, ווען עס איז מיר פאָרגעשטאַנען — אַזוי אומ־דיכטעריש, אומ־ליטעראַ־ריש־מיסטעריעז־ראָמאַנטיש, נייערט, בלי כחל ובלי שרק, אַזוי נאַקעט־פּראָזאַיש מיך מיט אים צו אַפּראָנטירן, — האָב איך דערשפּירט: ווי־אַזוי מיינע שטייניק־האַרט־לייביקע געדערים מקדמונים, פון זינט איך געדענק זיך, און וועלכע קיין שום מיטל אין דער וועלט איז שוין נישט געווען מער אומשטאַנד — זיי צו קענען דערשיטערן אַף אַזויפיל, אין זייער סטאָיש־פילאָזאָפישן כאַראַקטער און פעלזן־פעסטער עקשנות — נישט־נאָכצוגעבן, — זענען, איצט, ווי פון זיך אַליין, פון שרעק, פּלוצ־לעך אַריינגעפאַלן אין אַזאַ טרייסל־אויפברויז־צעקאָכטן קדחת־שטורעם, — אַז זיי זענען געוואָרן גרייט, ווי אַ פייערדיקע לאַווע, (אַ, אָט די אַלט־באַקאַנטע צואה־רותחת — זייט מיר מוחל די אומבאַשיידנקייט די אומ־פאַרמיידלעכע;) אַרויס פון מיר, אין אומאַפּהאַלטלעכן מבול־אָנפלייץ, און פאַרעיפּושן פאַראומווירדיקן פאַרפּאַסקודיען לגמרי, אַ, גאַנץ שיינע ליכטיקע שמעקעדיקע וועלט... טאַ, וויאַזוי, (זאָגט, אדרבה, אַליין,) דער־לאָזט מען גאָר דערצו?...

בקיצור, איך בין געווען פאַרביי; און די טויט־שרעק, ווי מע זעט, האָט מיך איינגעוואָלגערט; ממש, געוואָרפן פון די פיס; מיך געשליי־דערט צו דער ערד... אַ, ווי ווייט אָט דער גאַוועך, דער עקל האָט זיך געפונען — פון יענעם שיין־הערלעך־אויסגעטרוימטן ראָמאַנס פון טויט, מיט וועמען איך האָב געהאַט געפּראַוועט אַזאַ איידעלע צאַרטע בלומען־דופטנדע ליבע־שפּיל, אַף מיינע ליטעראַרישע פליינען פון פריער, און אין מיינע ליריש־פילאָזאָפישע טיראַדן פון סובלימירטער פיין... אַצינד, בין איך זיך אַליין געווען — ווערימדיק־מיאוס, פון נבזהדיק־סרחנ׳דיקן אויפ־גרויל־איבל, וועלכער האָט מיך געטון דורכונדורך אויפצאַפּלען, מחמת

סאַמע בלינד־עפּילעפּטיש־פּירפּיסיק־טהירישער זשיפּענד־ספּאַזמענדער
שרעק פֿאַר דעם אַבשײַלעכסטן אָפּשטויסנדסטן טויט... בקרוב, (איר
הערט,) איז עס אַזוי ווייט דערגאַנגען, — אַז עס האָט גענומען האַלטן
מיט מיר גאָר שמאָל; און „...ווער ווייסט, (האָט מיר, מיטיינמאָל, אַנ־
געהויבן ווערן רעכט,) צי דער טויט וועט נישט זײַן, דאָס מאָל, מיט אַן
אמת — די גלייכסטע דערלייזונג פֿון אַלץ; האַ, ווי מיינסטו, ברודער־
לעב; זאָג...“

און איך האָב מיך, ערשט דאַן, דעצידירט. מיט גרויס צעיאַכמערט־
קייט און סענטימענטאַל־קוואַטשיקן אינטעליגענטיש־וועלט־שמערצלעכן
רחמנות־האָבן אַף זיך אַליין, האָב איך, נאָכאַמאָל און אָבער־און־ווידער־
אַמאָל, (אין נאָך איינער, צוויי שלאָפלאָזע נעכט, און אין אומרואיקע צע־
דרייטע טעג — אַזוי, אַז איך האָב נישט אָנגעהויבן צו וויסן אַליין באַלד,
אַף וואָס פֿאַר אַ וועלט איך גיי אַרום,) — דאָס אַלץ איבערגעלייגט און
פֿאַרגעבראַכט אין מײַן אָנגעהיצטן און אַצינד־פֿלאַקערנדן דמיון — פֿון
אָנהויב, ביז צום סוף; זיך גוט אָנגעווײַנט, אָנגעטראָוערט־אָנגעמעלאַנ־
כאָליעוועט, (אַלץ, אין דעם זעלבן דמיון,) אַף מײַן פֿינצטערן, נעבעך,
פֿאַטאַל־שיקזאַלישן גורל; באַניים, טיף־דערשיטערט ביז צו די אַפּאָקאַ־
ליפּטישסטע תהומות פֿון מײַן רעטזעלהאַפֿט געשפּענסטיק בייז־וואונדער־
לעך געמיט, — באַדויערט מײַן מאָנסטעריעזסט־איינזאַמסטן עלנט אַף
דער ערד, אונטער דער זון און, העט, אין אַלע אַלע אומענדלעכע וועלטן,
אָן אויסנאַם; און אָט אַזוי־אָ, אַף אַזאַ מין אופֿן, נישט איינגערוט, — ביז
איך האָב נישט געזען טון דערהויבן מײַן לעבערלעכן נישטיקן פֿאַל, אים
איינפֿלעכטן־אָנבאַהעפֿטן און אים אַוועקשטעלן, העט, אין סאַמע צענ־
טראַלסטן פֿילאָזאָפֿישסטן צענטער — פֿון אַלע אוניווערסן, מזלות, שיק־
זאַלן, גורלות; אָט אין יענעם פּירכטערלעכסטן מיטלפּונקט פֿון דעם סאַ־
מע־מיסטעריעזסטן נירוואַנישסטן זײַן אַליין... און דאַן ערשט, אַ גענצלעך־
געבראָכענער־רעזיגנירטער ביז לעצט, — האָב איך מיך באַניים פּרעזענ־
טירט פֿאַר מײַן דאָקטער, מײַן מלאך־המושיע; אין וועמעס געשטאַלט,
דוכט מיר, איך האָב ערשט נישט געזען עפּעס אַנדערש, ווי דעם סאַמע־
ראָדנע טויט אַליין — דער (אַנגסטלעך־פֿון־מיר־דערוואַרטעטער) דער־
לייזער, וואָס זאָל מיך באַפֿרייען אויס אַלע מײַנע פּײַנען; און, מיט טי־
פֿער הכנעה, האָב איך אַזוי צו אים געזאָגט:

— הנני מוכן ומזומן; איך בין גרייט... נאַ, נעם, קוילע!..

און עס איז געווען, ווען ער, דער דאָקטער, האָט דאַן אַף מיר דער־
לאַנגט אַ קוק; און אַלץ — שווייגנדיק, מיט זײַן ברייטהאַרציקן שמייכל
פֿון תמיד..., — האָט מען געזען אַף אים: ווי ער האָט נישט געקענט
— נישט בלײַבן, איצט, העכסט־צופֿרידן מיט זײַן פּאַציענט; וועמען ער

האָט — אַט־אַזוי־אַ, דערוואַרט צו זעען, ביז ער האָט זיך, ענדלעך, דער־וואַרט; וואָרום ער, דער קראַנקער, איז, מיט אַן אמת, אין יענער שעה, גע־ווען גרייט אַף אַלץ...

● ●

אַפּצומאַרגנס, כּאור היום, געווען אַ וואַרעמער לויטערער סוף־זומער־באַגין אין בוענאָס־אײַרעס; בין איך געשטאַנען פאַר די טויערן פון אַ פינף־שטאָקיק געמויערט הויז, אַף אַ שטילער אַפּגעלעגענער גאַס, אין דרום פון דער שטאָט, און אַנגעקלונגען. דאָס איז געווען אַ פּריוואַטע סאַנאַטאָריע, וואו דר. גאָלד האָט מיטגעאַרבעט — אַ צײַט; געוואָרן דאָרט אַ היימישער; און, נאָך מיט אַ טאָג פריער, באַלד נאָך מײַן באַזוך בײַ אים, טעלעפאָניש מיך געהאַט אַהין אײַנגעמאַלדן; געבעטן רעזער־ווירן פאַר מיר אַ צימער, אַלדאָס נויטיקע... איצט, איז געווען גענוג, אַז איך זאָל (דעם, וואָס האָט מיר געעפנט די טיר,) אָנגעבן מײַן נאָמען, — און מע האָט מיך באַלד אויפגענומען און געבעטן נאָכפאָלגן, מיט דער ווינדע, ביז צום פינפטן שטאָק, וואו עס האָט זיך געפונען מײַן צימער. איבער דעם וועג אַהינצו, אַף דער פּראָנטאָווער וואַנט פון אַ לאַנגן שמאָלן קאָרעדאָר, האָב איך באַמערקט הענגען אַ גערעמטן פּאָרטרעט פון אַ וואונדערלעך שיין יונג בלאָנד מיידל, געקליידעט ווי אַ בארמהאַרציקע שוועסטער; און זי האָט געהאַלטן אַ פינגער בײַ די ליפּן; קוים־אָנזיכטיק, מוטערלעך־גוט צו אײַך געשמייכלט מיטן גאַנצן אָפענעם פּנים; נאָר, גלייכצייטיק, אײַך געוואָרנט:

— שש... זאָל זײַן שטיל... עס איז די היים פון קראַנקע, וועלכע דאַרפן רו...

איר פּריש בליענד געשטאַלט, און אָט דער אומגעריכטער אָנטרעף מײַנער מיט איר, אַזוי זיך אַ, אַפן גלייכן וועג, איין שפּאַן פון דעם דרויסנדיקן ברוויזנדן טומל, כּאָאָס־געפּילדער, און בסך־הכּול געציילטע מינוטן נאָכדעם, ווי איך האָב געהאַט פאַרלאָזן די רווישיקע שטאָטישע גאַסן און, אויך אַזוי שאַרף־ראַדיקאַל־אומגעריכט — ממש, ווי דורך אַ וואונדער, אַ מאַגישן כּישוף, צי עפּעס גאָר אין אַ טרוים אַ פאַנטאַסטישן — אַריבערגעשפּאַנט אין אָט דעם שטילן ווינקל, עליי ווי אַף אַ אינזל אַ איזאָלירטער, פאַרוקט אין ערגעץ עק־וועלט, נאָר אַ געבענטשטער מיט אַזויפיל רו, לײַטזעליקייט און פרידן, טאַקע בפירוש ווי אין אַ אַנדער עקזיסטענץ — יאָ, אָט דאָס אַלץ האָט מיך געלאָזן, איין ווײַלע, אַזוי איבערגעראַשט געפּלעפּט, — אַז איך האָב, (צווישן פילע אַנדערע — ווי מע האָט עס אָקאָרשט געזען אַליין — אין מײַן־געמיט־אויפקומענדע זיך־

טוישנדע איינדרוקן,) דערשפּירט זיך־אויסטיילן באַזונדערס — אַט דעם פּאַלגנדן מעכטיקן אילוזאָרישן איינדרוק, (וועלכער איז, אַגב, אַלץ־ווינ־ציקער געוואָרן — אילוזיע, און אַלץ מערער און מערער — וואָר): אַז דאָס געפין איך מיך, אַצינד, ווי דורך אַ נס, (און ווי אויסדערוויילט דער־צו, באַזונדערס, טאַקע נאָר דורך אַ ספּעציעלער זכיה, באַוויליקט, העט פון די סאַמע אָלימפּ־געטער אַליין,) — אױף דער שוועל פון עפּעס אַ פּאַר־צייטישן היידנישן זעלטענעם קונסט־טעמפּל; און זי — אַט די וואונדער־לעכע בילד־שיינע פּריסטערן, וואָס פאַר מיר, שיקט עס צו מיר אַ לופט־קוש, באַנאַנד מיט אַ וואָרענונג און אַ זיסער איינלאַדונג: צו שווייגן; בלייבן איינגעגליווערט, פון עקסטאַז; און אויסדריקן, מיט מיין גאַנצן וועזן — נאָר די סאַמע־געפּלעפּטע שטוינונג אַליין...

נו, און איך, אין מיין עקזאַלטאַציע, (ווי דער לייענער איז שוין, אַ וודאי, אַ מבין אױף מיר אַביסל,) בין באַלד געוואָרן גרייט, און מיך גע־נומען ריכטן — אַט אױף דעם סאַמע־אוממעגלעכסטן...

נאָר, אייגנטלעך — וואָס אַזוינס?..

אָבער, נישט לאַנג האָט מיר איצט באַדאַרפט אויסקומען צו וואַרטן, און פאַרבלייבן שוועבן אין דער אומוויסנהייט... אין איין ווײַלע שפּע־טער, האָב איך מיך שוין געפונען — פולשטענדיק־אינטערנירט, איינגע־שלאָסן אין די ווענט פון מיין צימער, צוגעבונדן צו מיין געלעגער, און געגנצלעך אין רשות פון די באַרמהאַרציקע שוועסטער פונעם אַנשטאַלט: פּשוטע פּרימיטיווע אַרגענטינער מיידלעך פונעם פאָלק; בלאָנדע, טונ־קעלע, שאַטענקעס; גאָר־יונגיטשקע — אייניקע; נאָר דאָס רוב — פולע רייפע פרויען, גוטע, מוטערלעכע, האַרציקע... אַט זענען זייערע נעמען: אַדעליאַ, מאַריאַ־לויסאַ, אַנבעלאַ, לידיאַ, ראַמאָניטאַ, און נאָך... זי, אַדעליאַ, (אַ מיטלוויקסיקע פרוי, אַ שאַטענקע, אין די דרייסיקער,) איז געווען די ערשטע, וואָס איז דערשינען אין מיין צימער; און, מיט אַ ליכ־טיקן האַרציק־קלוגן שמייכל, ווי צו אַ אייגן קינד, (כדי נישט צו זאָגן — עפּעס ווי צו אַ אַלטן באַקאַנטן, אָדער — אויב נישט נאָכמערער...) האָט זי גענומען, (אַזוי היימיש־נאַטירלעך־פאַמיליאַר; נאָר, אין דער זעלבי־קער צייט — אַ, מע האָט עס געקאָנט אַזוי גוט אָ נ ז ע ע ן אױף איר גאַנץ פיין־דערצויגן דערעסירט געשטאַלט, און אַ ר ו י ס ה ע ר ן אַפילו פון אירע דורכגעטראַכטע, פאַרזיכטיק־צוגעקליבענע, זיך־איבערלעגנדע רייד — אַזוי פרום־פרויאיש־געהאַרכזאַם־רעזיגנירט,) מיך, (און גלייב־צייטיק — זיך,) צוגרייטן צום אומפאַרמיידלעכן; דאָס הייסט, צו דער אָפּעראַציע, וועלכע איז געווען באַשטימט — אױף אין אַ שעה אַרום... איך, וועלכער האָב אַט די דאָזיקע וואונדערלעכע פרוי, (געדענקט, אַז איר האָט צו טון — מיט אַ סופּערלאַטיוויסט פאַר עקסעלאַנס, וואָס מיט ווינציקער,

ווי „וואונדערלעך“, הויבט זיך עס גאָר באַ אים נישט אָן;) ביז צוריק
מיט איין שעה פריער, אינגאַנצן נישט געקענט, און אַפילו נישט אָנגע־
הויבן צו וויסן פון איר עקזיסטענץ אַף דער וועלט, — האָב, ערשט, אין
מיין פלאַם־פייערדיקער אַלט־בחורישער בושה און אַסקעטישער אַבסטי־
נענץ, (אַזוי, ווי איך האָב זיך־גופא געוואוסט, זינט תמיד;) נישט אָנגע־
הויבן צו באַנעמען, און ווירקלעך געשטוינט ביז האָר־גרויל אַף זיך־אַליין:
וויאַזוי איך ליג דאָס, אַ צעוואַלגערטער, אַן ערווה־אינטים־אָפּגעדעקטער,
פאַר די בליקן פון אָט דער (אין פלוג, שרעקלעך־צו־מיר פרעמדער,
ווייל —) פרוי; און איך, דער ווילד־פרעמדער מאַן, בלייב נישט — אַ
רויט־אָפּגעגאָסענער, אָפּגעקאָכטער, אַ איינגעזונקענער, פון בלוט־שאַנד,
אונטער אירע הענט; וועלכע האָבן זיך געפּאָרעט, אַצינד, אומפּילבאַר, און
דאָך, געברענט, ווי מיט פייער־בראַנד — יענע טיילן פון מיין לייב, וועל־
כע מע האָט באַדאַרפט היגיעניזירן פּאָרבאַרייטן צו דער פּאָרשטייענדער
אָפּעראַציע... איז, מאָדנע; איצט, אַזוי ווי עס איז קיין אַנדער ברירה,
דאָס הייסט, קיין וועג אַף צוריק, נישט געווען — פאַר קיינס; נישט —
פאַר איר, און אַ וודאַי נישט — פאַר מיר, — זענען די אומפאַרמייד־
לעכע, ערשט אַזוי־פאַרשפּיצט־צוגעשאַרפט־געוואָרענע שני־הקצוות, (אָט
די שרעקלעך־צוויי־פרעמדע מאַן און פרוי; גאַנץ־אומגעריכט פאַרביידן,
ווי צונויפגעדרענגט־געוואָרענע איינס אין דאָס אַנדערע, אַף אַן אומבאַ־
שטימטער לאַנגער צייט, אין אַ תפיסה אַלציינס; און אַזויווי זיי האָבן
נישט געזען פאַר זיך, באַין אופן, קיין אויסוועג קיין אַנדערן; איז, אויס
זעלבסט־שוץ געוויס, דאָס הייסט, אין באַשיצונג און איינהיטונג פון
מענטשלעכער זעלבסטווערדע, אָדער, לכל־הפחות, פון דער סאַמע־עלע־
מענטאַרסטער אייגן־ליבע,) געפאַלן ביידע באַגלייך און פאַריינמאָל אַף
דעם איינעם און דעם זעלבן איינפאַל; און דעם אָנשטעל געמאַכט: ווי מע
גיט אויף — די אָפּוועזנהייט, אָדער — דאָס כלומרשט־נייטראַלע, דאָס
אַפּערזענלעכע; און מע גייט אַריבער באַנאַנד — צום היימישן, שיר נישט,
צום נאָענטן אַלט־באַקאַנטן אינטימען, אַלטן ווי די וועלט — נאַטירלעכן
אָנערקענען און ד ע ר ק ע נ ע ן ז י ך פון די צוויי קעגן־עקסטרע־
מען, די כלומרשטע פיינט; אָ, וועלכע זענען, אין דער ווירקלעכקייט. זיך
גערן... און דאָס אַלץ איז געטון געוואָרן, כדי זיך נישט צו שפּירן, איינס
פון דאָס אַנדערע, דערנידעריקט און באַליידיקט... עס דאַרף אָבער צוגע־
געבן ווערן, אַז דאָס אַלעם איז געווען — אַ פייער־פּראָבע; אַזוי צו זאָגן,
(פון מ יי ן זייט, געוויס, דאָס הייסט, וואָס האָט אָנבאַלאַנגט
ב ל ו י ז מ י ך) — די ערשטע טויפונג, אין אָט דער, באמת־אויסטער־
לישער אימפּעריע פון מענטשלעכן קויט, און פיין... און דאַרום; נאָכדעם,
ווי אָט די פּראָבע איז אַדורך בשלום; דאָס הייסט, און דאָס האָבן פאַר־

באַרייט מיך צום אָפּערירן איז געווען, ענדלעך, צו ענדע, — דאַן, האָבן מיר, ביידע פּאַראַמאָל, ווירקלעך אָפּגעאָטעמט פרייער; און ערשט, זיך־אָנגעקוקט, ווי צום ערשטן מאָל זיך געהאַט דערזען; זיך באַטראַכט — ניי, אַנדערש, מענטשלעך; אַנדערש־נאָענט, אַנדערש־אינטים; און זיך־איבערגעשמייכלט קעגנזייטיק, מיט דאַנקבאַרקייט...

נאָר, נישט לאַנג האָט געדויערט אָט דער דאָזיקער אַנטראַקט פון מיין אָפּרו. התקן עצמך בפרוזדור, כדי שתכנס לטרקלין. איך האָב גע־דאַרפט פאַרשטיין, אַז נאָך אָט דער געהעריקער פּאַרבאַרייטונג, וועט מיר נישט אויסקומען אַצינד קיין סאַך צו וואַרטן אויף דעם סאַמע ריכ־טיקן... און ווירקלעך; גלייך נאָכדעם, ווי די גוטע אַדעליאַ האָט, לעבן מיר, דערוויילע, געהאַט אָפּגעטון אירס, און מיך איבערגעלאָזט, (ווייל איך בין, געוויס, נישט געווען באַ איר — דער איינציקער; זי, די אָרעמע, האָט אַנדערע, מיסתמא, געהאַט גענוג אויף איר קאָפּ, —) אַזוי האָט באַ־ניים צוריקגעקערט צו מיר דער אומרו און די אָנגעשפּאַנטע דערוואַר־טונג, ווי געווען... וואָרום, צוואָוואָס — זיך נאַרן; שוין־זשע האָב איך נישט געוואוסט — וואָס מיר שטייט אַצינדערט פאָר?..

און, ווי אַנטקעגנקומענדיק מיין ווסטרעוואָזשעטן געדאַנק, האָב איך באַלד דערהערט זיך־דערטראָגן דאָס קול פון דר. גאָלד; וועלכער איז אָנ־געקומען אַצינד פון גאַס און, זיך־לאָזנדיק אין דער ריכטונג צו מיין צי־מער, האָט ער, שוין אין איין וועגס, אָפּגענומען אַ ראַפּאָרט, באַ וועמען מע האָט באַדאַרפט, וועגן זיין פּאַציענט... ביז, די טיר פונעם צימער האָט זיך איצט ברייט צעעפנט; מע האָט אַריינגעשפּאַרט אַ באַוועג־בעטל אויף רעדלעך; די שוועסטער מאַריאַ לויסאַ, אַ יונגע שוואַרץ־חנעוו־דיקע לאַכערקע, האָט מיר געהאָלפן אַריבער פון מיין בעט — אויף דעם; און דאַן האָט זי עס, לאַנגזאַם, פייערלעך, גענומען פירן צום אָפּעראַציע־זאַל...

זאָגן, אַז באַ מיר האָט דאָס האַרץ נישט געקלאַפּט, וואָלט געווען אַ ליגן. דאָס ערשטע מאָל — אונטערן מעסער. האָב איך דאָך, אַזויפיל יאָרן, געליטן שווערע יסורים, בלוטונגען; און זיך דאָך נישט דערוועגט איינצושטעלן. וואָס האָט מיך אָפּגעהאַלטן? די שרעק, די געפאַר. אין מיין פּחדנות, בין איך דערגאַן אַזוי ווייט, אַז איך בין אפילו געווען גרייט אויפצושטעלן אַ ליטעראַטור־פילאָזאָפיע אַ גאַנצע פון פּיין, אַבי צו אַנטרינען ווערן פון אָט דער דירעקטער קאָנפראָנטאַציע מיטן רעטזעל־האַפטן אומפאַרמיידלעכן; און אַצינד, ווען איך האָב מיך שוין יאָ געהאַט דעצידירט, איז דאָס געווען ערשט דאַן, ווען איך בין שוין געווען דער־גאַנגען צו יענעם צושטאַנד פון בדלית־ברירה, ווען עס נעמט שוין שמעקן גאַנץ שאַרף מיט דעם שוועבל־דאַמף פון פאַטאַליטעט... היינט, טאָ וואָס

פאַר אַ רייד האָט דאָ געקאָנט זיין פון — מוט?.. ווען איך בין שוין גע־לעגן, פעסט־איינגעפּראַוועט, אַף דעם אָפּעראַציע־טיש; און דער דר. גאָלד, (באַנאַנד מיט נאָך איינעם, אַ געהילף באַ דער זייט, אַ באַאַבאַכ־טער,) האָט זיך גענומען עסקן באותו מקום; און דאָס, (ווי דער שטיי־גער, און ווי מע האָט זיך געדאַרפט ריכטן דאַרויף,) האָט אַ קאַפּעטשקע אונטערגעדויערט, — איז, כאָטש איך האָב כמעט־גאַרנישט געשפּירט; דאָך, אַז איך האָב אַ קוק־געטון אַפן דר. גאָלד איבער מיר, — האָט מיר לחלוטין עפּעס גאַרנישט אָנגעהויבן צו געפעלן ווערן — אָט די רואיקייט זיינע: וויאַזוי ער האָט זיך עס געראַיעט אַצינד אין מיין לייב און, אין דער זעלביקער צייט, אַזוי געלאָסן זיך־איבערגעשמועסט מיט זיין קאָ־לעגע — אַלץ, וועגן פאַרשיידענע מעטאָדן אַזעלכע פון כירורגיע בכלל; און פון אָט דעם אַרט אָפּעראַציעס, בפרט...

„...ניין! — האָב איך איבערגעחזרט, מיט טיפער עמפּערונג אין זיך — דאָס איז אומדערלאָזבאַר; ממש, אומדערהערט... אמת טאַקע, דר. גאָלד, מיין חבר און פריינט, איז אַ גרויסער באַרימטער כירורג; אַ חוץ דעם, וואָס ער איז אויסגעוווען אַ וועלט, געררייזט; געאַרבעט, אונטער דער אויפזיכט פון באַרימטהייטן; אומעטום, באַאָבאַכטעט, זיך־צוגעקוקט צו אַנדערע; נו, און צו אַלעם דעם, נאַטירלעך, (דאַרף מען נישט פאַרגעסן,) קומט נאָך צו ד אָ ס, וואָס ער האָט באַוויזן אויפצוטון — אין שפּאַ־ניע אַליין! אין קליניקייט: יאָרן נאָכאַנאַנד, געשטאַנען אַף אַ פראָנט, אַ שלאַכט־פעלד, מיט דעם ביסטורי אין דער האַנט, אומדערמידלעך, באַ־טאָג און באַנאַכט, און נישט־אויפגעהערט צו פּראַקטיצירן; איר קאָנט עס אייך פאָרשטעלן אַביסל — וואָס דאָס באַטייט פאַר אַ כירורג?.. יאָ, אמת, איז דאָס אַלץ — הייליק, ריכטיק, און קלאָר ווי דער טאָג... אָבער דאָך, איר הערט, גיט עס אים נאָך אַלץ נישט קיין רעכט: בעת אַ מענטש ליגט דאָ פאַר זיינע אויגן, אויסגעצויגן, אומבאַהאָלפן, געבונדן ווי אַ געשאָכטענער אָקס אַ קרבן חטאת, און פּאַכעט מיט דער נשמה, זיין גורל איז אין געפאַר, ער שפּילט מיטן לעבן, — יאָ, טאָ זאָל ער, דער דאָק־טער, שטיין דערביי, אַזוי רואיק גלייך ווי גאַרנישט; און זיך פירן בני־מוסדיק, אַזוי צאַרט און זאַנפט, אַ אידעאַלן אַבסטראַקטן אַקאַדעמישן שמועס — וועגן דער קונסט פון כירורגיע... איר הערט עס עפּעס אַביסל? דאָ גיסט זיך בלוט ווי וואַסער; און ער שטייט און שפּילט זיך... טאָ, וואָס מיינט ער, האַ, וואָס קלערט ער זיך — עס איז הפקר אַ וועלט? אַ, ניין; וויבאַלד אַזוי, מאַכט ער שוין גראָדע אַ גרייליכן טעות!..“

און איך האָב מיך אַ רודער געטון. איך בין, אין יענער מינוט, מיט אַן אמת, געוואָרן גרייט אַפן ערגסטן...

ווען נישט דער וואַרעמער איינשטילנדער און וואָרענענדער גלעט

איבער מיין שטערן, וואָס איז געקומען אומגעריכט פון דער האַנט פון דער שוועסטער מאַריאַ לויסאַ... זי, וועלכע האָט מיך נישט פאַרלאָרן פון אויג, די גאַנצע צייט, אַף קיין איין רגע אַפילו; פאַרבאַרייט, אַ וודאי, אַדאַנק דערפאַרונג, צו יעטוועדע עווענטואַליטעטן, — איז איצט געשטאַנען איבער מיר, עטוואָס אַנגעבויגן; מיר טיף־פאַרקוקט איז די בליקן; און אַזוי זיס־מיידלש־האַרציק־צוגעלאָזן געשמייכלט...

— ניטע; שטיל ליג איין, העלד מיינער... (און זי האָט צוגעגעבן, אין אַ הייסן פליסטערן:) אַלץ גייט גוט, קינד; זאָרג נישט...

אַזש ווען איך שעם זיך נים, וואָלט איך מיך געווען צעוויינט; און אַזוי וואָלט איך אָנגעכאַפּט אירע ביידע זיסע הענט; זיי צוגעדריקט צו מיין האַרץ; און גלייך זיי באַדעקט מיט קושן; זיי באַוואַשן מיט מיינע הייסע קאָכיקע טרערן...

שוין. אַלץ איז געווען צו ענדע. איך, דער מאָנאַרך אַף דעם בלוטיקן טראָן, האָב איצט שוואַך אויסגעדריקט דעם וואונטש: צו זעען מיינע בלוטיקע דם־שונאים, וועלכע האָבן זיך איבער מיר געטון איזדיעקעווען, במשך פון אַזויפיל יאָרן; מיך גרויזאַם געפייניקט; געהאַט געבאָדן אין מיין אומשולדיק בלוט... און מע האָט זיי פאַר מיר באַוויזן...

— אָפּגעשיידט זאָלט איר זיין, אויסוואורפן!.. האָט נישט קיין פּאַריבל, וואָס מע האָט אייך געבעטן מחילה...

און איך האָב מיך פון זיי אָוועקגעקערט, מיט טיף־באַליידיקטן מענטש־לעכן שטאָלץ. איך, האָב פון זיי נישט געוואָלט וויסן מער...

● ●

יאָ; געמיינט האָב איך: אַז דאָס איז דער סוף שוין געקומען צו מיין פּיין; אַז איך האָב אַלעס שוין איבערגעקומען... און איך האָב, ווירקלעך, זיך גענומען גוידערן מיט מיין מוט:

„...ווי אָנשטענדיק, קאָרעקט, און ווירדיק־מענטשלעך איך האָב מיך, ביז איצט, דאָ אויפגעפירט, פאַר אַלעמען אין די אויגן; און איך מאָג, מיט אַן אמת, פאַרבלייבן צופרידן מיט זיך אַליין... אָ, וואָס פאַר אַ גוטער אָנדענק עס וועט עס דאָ בלייבן פון מיר, באַ די דאָזיקע אַלע פיינע איידעלע לייט, (און עס איז מיר בפירוש געגאַן אין מיין גאַנץ לעבן. אַז אַזוי זאָל עס זיין,) נאָכדעם ווי איך וועל שוין האָבן פון דאַנען אַוועק, און אַף תמיד...“

אָ, ווי לעכערלעך־נאַיוו איך בין דאָס געווען; און מיין טעות האָט זיך גלייך אַרויסגעשטעלט — דאַן, ווען איך האָב מיך געריכט דאַרויף אַמווינציקסטן...

מיט איין ווײלע שפּעטער, ווען איך האָב מיך געפונען באַניים אַף מיין געלעגער, אין יענעם צימער, האָט זיך עס אָנגעהויבן. און אומגע־ריכט, ווי אַ פייער־לאַווע, איז באַפאַלן מיין גאַנצן אָרעמען גוף — אַ גיהנומדיק־שרפהדיקע פּיין, וועלכע האָט נישט אויפגעהערט צו שטייגן, ווערן אַלץ־שאַרפער, סמאַליענדיקער; און דאָס, האָט מען צוגעזען, אַפּע־רירט זי, די פּיין, זייער לאַנגזאַם, געלאַסן, בהרחבה; אַ, זי האָט צייט; זי איז — האר אבסאָלוטער; און זי טוט עס זיך צעלייגן אַצינד איבער מיר, אין דער לענג און אין דער ברייט, טאַקע בפירוש אָן געאײַל; וגייל, זאָגט: — פאַר וועמען האָט זי דען מורא; און ווער וועט זיך דען קומען דערוועגן אַרויסצוטרעטן קעגן איר, זיך איינשטעלן פאַר מיר, און מיך פון אירע לאַפּעס אַרויסרייסן?.. איך, דער געפאַנגענער, אין די טייפלשע קלעשטשעס פון דער בעסטיע, האָב איצט געקוקט פאַרלאָרן אין אַלע זייטן — מאין יבוא עזרי; און, איר הערט? איר וועט עס נישט גלויבן, אפילו ווען איך וועל עס אייך טון צושווערן: אַז איך האָב מיך, דאַן, פּלוצים — אזש גרויזאַם־ווילד צעלאַכט פון זיך אַליין:

„...אַ מצווה אַף דיר, ברודערקע; דו, האָסט עס געוואָלט, — טאָ, אָט האָסטו דיר... האַ, וואָס זאָגסטו אַצינד?...“

נאָר, גלויבט, מײַנע פריינט: אַז, מיט אַן אמת, איז מיר נישט צום לאַכן געווען דאַן; אַ גאַנץ ווייט פונדערפון; און בעת יענע, די אומזע־באַרע בעסטיע, איז געשטאַנען איבער מיר, און אַף מיר אָן־אויפהער גע־האַגלט מיט פייערדיקע ריטער — אומעטום, וואו זי האָט נאָר געטראָפן; ממש, נישט אויסגעלאָזן קיין גאַנצן אבר; און די אייגענע בראַנדיקע וואונדן, וואָס זי אַליין האָט פאַרורזאַכט, האָט זי, באַניים און אָבער און ווידעראַמאָל, מיט אַ ציין־שטשירעניש, מיט אַ מין סאַדיסטישן איזדיע־קעוון זיך, ווידער אויפגעריסן צעטרענט און צעברענט, אין איר פּירכ־טערלעכן פלאַם, — יאָ, האָב איך דאַן דערשפּירט, (דאָרט, וואו איך בין נאָך געווען — איך; וואו איך בין נאָך אַלץ, למרות הכול, געבליבן וואָך; אַזוי, אַלנפאַלס, איז מיר אַליין פאָרגעקומען; און גערעדנקט און באַאָבאַכ־טעט — ממש, אַזוי וי מן הצד, אָט די צעשפּילטע אין מיר גיהנום־פוריע, די אָרגיע פון טויזנט בראַנדיקע צעפּליאַשעטע פייער־טייוואָלים אין די פאַרגאַסענע בלוט־קאַלוזשעס פון מיין צעהפּקרט אויסגעפּלינדערט לייב, —) יאָ, האָב איך איצט דערשפּירט — אַזוי פּשוט, ווי איינפאַך דאָס קאָן נאָר זיין: אַז דאָס, אייגנטלעך, זענען עס די פּיזישע מענטש־לעכע ליידן; וועלכע איך אַליין, ביז איצט, האָב געטון באַאָבאַכטן אַזוי־פיל, מיט אַ כיוון, כדי זיי צו קענען פונדערנאָענט; און דאָך, בין איך געווען בלינד־נאַיוו אין דעם אַלעמען; ממש, ווי אַן אומפילבאַרער דומם, אַ שטיין; און דאָס, בין איך עס געווען — דער טיפער ערנסטער שרייבער,

מיטן אָנשטעל פון אַ פילאָזאָפישן דענקער, וועלכער האָב, (שיר נישט, ווי אַ נעאָ־שאָפּענהויעריאַנער) געזוכט באַניים אָפּצופּרישן די אייביקע אוניווערסאַלע מיסטעריע פון וועלט־שמערץ, און זי ווידער דערהויבן צום סובלימירטן פיערעסטאַל פון אַ וועלט־דערלייזערישן אידעאַל — ד ו ר ך דער פיין, און א י ן דער פיין... וויי! וואָס האָב איך, לעבערלעכער פּאַיאַץ, געוואוסט בכלל פון פיין? און ווי האָב איך, אַ נישטיקער פּלאַפּלער און פראַזער־דעקלאַמאַטאָר, מיך גאָר געקענט דערוועגן — זיך צו־צירירן, אַ, צו יענע הייליקע מענטשלעכע בלוטיק־קאָכיקע טרערן־זודיקע קוואַלן פון פיין און פון וויי?!.

„...אָט, גיב אַ קוק, (האָב איך איצט איינגעטענהט צו זיך אַליין, מיט ווילדער עקזאַלטאַציע) ווי עס איז געווען גענוג, דו זאָלסט, גאַנץ־אומגעריכט, ווערן אַרויסגעריסן אויס דעם איבערפלעכלבן לעבלעכן קוואַטשיקן לייכטזיניקן שונדישן לעבנס־שטראָם, אין וועלכן דו האָסט זיך, ביז איצט, מיט אַזאַ נחת און באַלעקעכץ, געטון פּליושקענען און אונטערהאַלטן; און ווערן אַנגענומען, און גרויזאַם־געגעבעט אַריינגעשליי־דערט — אין אָט דעם שאַרפן פייערדיק־פּולבלוטיקן קאַלירפולן רייץ־אָנגעשפּיצטן רויט־געפאַרבטן ים, אין דעם נהר די־נור פון גרויל־פיין; טאַ, זע צו, ווי דאָס האָט געטון פון דיר אַוועקרייסן, מיטיינמאָל, גאָר אָן שום איינזעען, אָן צערעמאָניעס, דיין אָפּגעטעמפּטקייט די באַנאַלע פון לעבן; און אַזוי עכט אין דיר אָפּגעפרישט דיינע חושים, און זייער שפּירזאַמ־קייט, אַ, פאַר דעם פּשוט־מיסטעריעזן אוניווערסאַלן זין פון דעם זיין — פאַר דער הייליקער געבענטשטער מענטשלעכער פיין... היינט, טאַ, וואָס איז דיין באַקלאָגן זיך? זאָג, מענטש: ביסטו צופרידן, אַצינד?..“

אָט אַזוי אַ, האָט עס געצאַפּלט, געברענט און געבראָטן אין מיין לייב און געראַשט און געבליט, אַ, יענע צעעפנטע בלוטנדע וואונד־בלום פון מיין ש ט ע נ ד י ק קרענקלעך געמיט: די אַזוי־גערופענע ליידן, און יענע אַנעמישע קאַקעטעריע מיינע מיטן טויט, אין די אַלע ביז־איצ־טיקע שריפטן מיינע, אין דער ליטעראַטור; און וועלכע, (אָט די וואונד־וואינדער־בלום,) איז עס איצט, אַזוי אומגעריכט, געוואָרן באַגינסטיקט אָנגעקוואָלן באַזאַפטיקט פאַר איר בליונג — דאָ, אין דער לופט פון אָט דער נייער אויסטערלישער וועלט; וואוהין איך בין עס, אַזוי־אַ־פּלוצים, אַריינגעפאַלן; ווי פון איינעם געוואָרן אָנגענומען און אַריינגעשליידערט. (אַ, זאָל עס האָבן געטון אפשר צו מיר דר. גאָלד מיט אַ כיוון?..) העט, אין דעם סאַמע האַרץ פון אָט דער צעפייניקטער וועלט־מיסטעריע; לאָז זיין, קאָן זיין, ווי אַ ווייטערדיקע אויסוויקלונג פון מיין ביז־איצטיקער ליטעראַרישער פיין; נאָר, וואָס עס איז דער עיקר: כדי אויפצודעקן אפשר אָט די בלוטיקע סאַמע־איינפאַכע רעוואָלאַציע — פ ו ן

פ ש ט ו ת; דאָס הייסט, וויאַזוי מענטשן טוען ליידן אייביק אַזוי, זינט וועלט איז וועלט, טיף, שרפהדיק און בלוטנד...

„...און אַזוי, חבר, אין בלוטיקער פשטות, (ואפילו כולנו חכמים כולנו נבונים וכ"ו מצווה עלינו ל ס פ ר,) נישט געקוקט אַף דיין גאַנצן אינטעליגענטישן צוגעשפּיצט־פאַרדרייט־און־פאַרפּלאָנטערט־זיין, — זאָלסטו אויך, מהיום־והלאָה, אַליין פאַרברענגען — דיין בלוטנדע פּיין־רעוואָלוציע פאַר דער וועלט... האָ, ווי מיינסטו? זאָג...“

און די שעות זענען אַלץ געגאַנגען; אַריבער דער טאָג; געקומען די נאַכט. איך בין געלעגן אין פיבער, געברעדיעט, געצאַפּלט, געברענט; און דאַך, געווען — לויטער, קלאָר; אַזוי קוריעז־דורשטיק, ווי קיינמאָל, לעכצנד איינצוזאַפּן אין מיין אויסגעווייטיקט געמיט — אָט דעם נאָ־קעטן פרישן שאַרפן שטראָם, דעם פּלוס פון ניי אמתדיק לעבן, וואָס האָט זיך דאָ פאַר מיר געטון רעוועלירן, אין אָט דער נייער וואונדער־וועלט — אָן אילוזיע, אָן פאַרבלענדזעניש, (איידער ווי דאָרט, אין דרויסן, אין יענער בלינדער וועלט, וואו איך האָב געהאַט געלעבט און געבלאָנזשעט, ביז אַצינד, אַרומגעגאַנגען און געטאַפּט אין דער פינצטער;) נייערט — בלוטיק־וואָרהאַפּט, ווי די פּיין, ווי דער טויט, וועלכער שלאָגט אַרויס אויס דער סאַמע־קאָכיקסטער טיפעניש פונעם זיין...

וואָס עס איז אַזוינס דאָס אַלץ? וואָס איז דאָס פאַר אַ נייער אמת? וואָס איז דאָס פאַר אַ סוד, פאַר אַ מיסטעריע פון ליידן און פּיין? — דאָס, (בין איך מודה,) האָב איך נאָך אַליין רעכט נישט באַנומען, מיט מיין פאַרשטאַנד...

„...אָבער, (האָב איך פיבערהאַפּט ווייטער געקלערט,) צי איז דען דאָ, איצט, אַ צייט פון פאַרשטיין? ווען דאָס גאַנצע זידיקע לייב מיינס טוט ערשט קאָנוואולסירן, אין פאַרדבקעטער גלויבנדער עקזאַלטירטער באַנייונג, — טאָ, ווער, (אדרבה, זאָגט אַליין,) פרעגט דאָ אָן אַצינד באַ וועמען: צי דאָס אַלץ האָט צו טון, לייגט זיך אַפּן שכל; און צי עס גע־הער זיך, בכלל, אָן אַהער — פאַרשטאַנד, באַנעמונג? אָ, אפשר האָט מען דאָ אָנגעשלאָגן — אין אַ טיפערן שטראָם, אַ אמת אַ איינציקן אַ אייביקן, אַזאַ זיס־פלאַטערנדן, אַ וואַרעם־גלעטנדן, אַ פּשוט־קינדישן, וואוהין לויטער־רייפער ליכטיקער פאַרשטאַנד רייסט זיך אומזיסט אָנ־צוקומען, נאָר ער קען נישט; טאָ, אם־כן, מיינט איר, גייט די וועלט אונטער?...“

פאַר מיר, אין צעפלאַמטן האָפערדיקן דמיון, זענען איצט געגאַנ־גען, געקומען, אָנ־און־אָפּ־געפלאָסן — געשטאַלטן, מענטשן, געקליידעט אין ווייסן. זיי האָבן געשמייכלט; זיי האָבן גערעדט הויך און גוט און

ליב און זיס; זיי האָבן מיך באַדינט; זיך גערדרייט און פאַרקערט אַרום מיר; זיך געעסקט, כסדר אויפגעדעקט און באַנייס פאַרדעקט מיין לייב... אָ, דאָס זענען געווען די ליבע זיסע טייערע אַבנעגירטע באַרמהאַרציקע שוועסטער פון פּאָלק; ווען איך — מיט מיין נבזהדיקער פּחדנות, עקלהאַפטער צעשראָקנקייט, היסטעריע, נעוורעסטעניע, באַנאַנד מיט דער העכערער טעמפּעראַטור, וואָס איז מיר צוגעפאַלן אומגעריכט, אַלס צולאָג — האָב פאַרשאַפט נישט־ווינציק זאָרג און באַלעסטיקונג... אַזוי, למשל, אין איינער אַ טיפער נאַכט־שעה, איז צו מיר צושטאָנען פלוצים אַן אַכזריותדיקער אומבאַהערשלעכער דראַנג צו לאָזן די ה...; נאָר איך איינער אַליין, דאָס הייסט, מיט מיינע אייגענע מיטלען, האָב, (מחמת די פאָלגן פון דער אָפּעראַציע,) דאָס נישט געקענט באַוויזן צו טון, באַין אופן; כאָטש קראַפּיר; סיידן, מע זאָל זי באַ מיר נעמען... די דאָזיקע פרישע פאַר מיר אומדערוואַרטעטע יסורים האָבן מיך, אין מיין אַלגעמיינעם דערשיטערטן צושטאַנד, דערפירט צו אַזאַ העכסט־פאַרצווייפלטער אומדערטרעגלעכקייט, אַז איך האָב אויפגעהויבן דעם ווילדסטן אַלאַרם! איז באַלד אַריין אַ נאַכט־דיזשורנע — אַ גאָר־יונגיטשקע שוועסטער. אַ שאַטענקע, (אַנכעלאַ;) נאָר, ווען זי האָט דערהערט מיין וואונטש, — האָט זי אויפגעגרוילט, פון שוידער און עקל, און זיך אַף מיר צעשריגן:

— ווער, קלערט איר זיך עפּעס, בין איך אייך?!.

און זי איז אַרויסגעלאָפן... קענטיק — אַ נייע געווען, אין אָט דער פּראָפעסיע; נאָכנישט געווען פאַרבאַרייט צו דער רעזיגנאַציע... אין אַלגעמיין — עפּעס אַזאַ אימפּעטפולע, אַ רעבעלישע... זי האָט אַריינגעשיקט דער צווייטער נאַכט־דיזשורנע: אַן עטוואָס־עלטערע פון איר, אָבער אַלץ, זייער־אַ יונגע מילך־ראָזעווע מויד, לידיאַ; און זי האָט (רואיק, געלאַסן, איינגעהאַלטן; ממש, אין אַ הערמעטישער אומצוטריטלעכקייט, וועלכע האָט ד אָ ך פאַרמאָגט באַ איר אַלע זיבן יונגע חנ'ען פאַראַמאָל; מיט איין וואָרט — ווירקלעך, מיט גרויס באַהערשונג און אינטעליגענץ,) דורכגעפירט איר פליכט, ווי געהעריק...

די פאַרלייכטערונג איז באַלד געקומען פאַר מיר — אַן אויסערגעוויינלעכע; די דאָזיקע, לפּחות, שאַרף־צוגעשטאָנענע פּיין איז געווען פון מיר אָפּגעטראָטן; און איך בין גלייך ווידער אַריינגעפאַלן אין מיין נאַכטישער היץ־פאַרטראָגנקייט, ווי פריער...

אָבער אָפּצומאָרגנס, באַלד אינדערפרי, ווען די היץ פון מיר איז געהאַט עטוואָס אָפּגעפאַלן, — איז באַנייס דערשינען פאַר מיין בעטל — אַנכעלאַ, די רעבעלישע צעפּלאָטערטע שיינהייט, און, מיט האַסט, זיך גענומען פאַר מיר אַנטשולדיקן — צוליב ד ע ם, פון דער נאַכט...

זי איז — דאָ, אין ד ע ם אַנשטאַלט, געווען — די אינגסטע, אין

די יאָרן, און אין דער פּראָפעסיע און, אגב, אויך די אומרואיקסטע; און אַלע אַנדערע האָבן איר פּראָטעזשירט. זי האָט, ערשט, מיט האַרץ, פאַר מיר געגומען דערציילן, (דערביי, מיך באַשוואוירן — אַז איך זאָל עס פאַר קיינעם נישט איבערגעבן...):

...וויאַזוי איר האָט, דאָ נישט־לאַנג אין דעם, גענומען באַלעסטיקן — אַ יונגער שיינער מעדיקער; (אירע ווערטער;) איר נישט געלאָזט לעבן; איר פאַרפאָלגט — אין די טונקעלע קאָרעדאָרן, אין דער ווינדע; איר אָפּגעוואַרט, באַם קומען, און אַוועקגיין; און דערביי, איר כסדר געדראָעט: אַז, אויב נישט, — וועט ער איר אַרויסוואַרפן פונדאַנען... ער האָט איר אויך שאַרף געוואָרנט — אים נישט אויסצוגעבן פאַר קיינעם... נאָר, ווען ער האָט צוגעזען, אַז זי גיט זיך אַלץ נישט אונטער, — האָט ער פאַרטראַכט: איר צו פּאַקן — בעת אַ נאַכט־דיזשור, ערגעץ אין אַ ליי־דיק צימער... זי, האָט זיך פאַרצווייפלט קעגן אים געוועהרט, אינדערשטיל, שטום, פאַרביסן, אויס מורא — נישט צו צעוועקן איבערשרעקן אַלע קראַנקע, אין דער נאַכט...; אייגנטלעך — אָט דאָס, אַף וואָס עס איז גע־ווען זיין אויסשטעל... ביז, זי האָט שוין גענומען שפּירן: ווי עס פאַרלאָזן איר די כוחות; זי גיט זיך אונטער; פאַלט אין אוממאַכט...

...אָבער, צום גליק, האָט זיך לידיאַ, די אַנדערע נאַכט־דיזשורנע. די עלטערע, געכאַפּט באַציייטנס — אַף איר אָפּוועזנהייט; ווייל זי האָט איר אויסגעפעלט; עטלעכע קראַנקע פאַראַמאַל האָבן דרינגענד גענומען רופן, אוים פאַרשיידענע עקן, צו זיך אין די צימערן; עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ גאַנצער אַלאַרם; זי, לידיאַ, איינע אַליין, האָט זיך נישט געקענט צע־רייסן, אַ עצה־געבן, באַין אופן; איז זי אַרום אייליק, אין איין אָטעם — איר אָפּזוכן; ביז זי איז אָנגעקומען אַהינצוצו, און איר אָפּגעראַטעוועט...

...די גאַנצע צייט, וואָס יענער איז איר דערגאַנגען די יאָרן, האָט זי, אַנבעלאַ אַליין, אָפּגעשוויגן וועגן דעם אַלעמען, עס נישט פאַרגע־בראַכט פאַר קיינעם, אַפילו נישט פאַר די חברטאָרנס — פּשוט דערפאַר, ווייל זי האָט זיך, גאַנץ־איינפאַך, געשעמט; און אויך עפּעס מורא גע־האַט... נאָר איצט, איז עס שוין מער קיין סוד נישט געווען. לידיאַ האָט געוואוסט וועגן אַלץ... און אפשר, וועט ער גאָר אַליין, דער מעדיקער, איר פאַרפאָלגער, זיך־פּעדערן און אַרויסלאָזן אַף איר אַ שם־רע... טאָ, איז גלייכער — שוין, אומפאַרזאַמט, צו איילן, און אַליין אים פאַרלויפן דעם וועג... אַזוי האָט איר אויפגעקלערט די זאַך לידיאַ; וועלכע איז זייער אַ פאַרשטענדלעכע; און זי איז טאַקע געווען צו איר אַ גוטע טרייע חברטע אויכעט...; און זי האָט איר געפאָלגט; און זיי ביידע האָבן אַלץ דער־ציילט דעם דירעקטאָר; וועלכער האָט יענעם גלייך דורכגעטריבן...

...— אַלזאָ, אַז מע בריט זיך אָפּ אָפן הייסן..., האָט זי פון עמיצן

געהערט זאָגן; איז זי אָנגעשראָקן; דער עיקרשט — אינמיטן נאַכט, אַליין, צווישן ווילד־פרעמדע מענטשן, קראַנקע; גיי, ווייס זיי...; איז זי פאַר־זיכטיק...

און זי האָט באַניים געבעטן בײַ מיר אַנטשולדיקונג...

...— ווייל זי האָט זיך דערוואוסט, אונטערדעסן: אַז איך בין — אַ שרייבער, אַ אינטעליגענטער מאַן: דאַרום, וועל איך, געוויס, איינפאַר־שטיין אַליין, און איר מוחל זיין... אַגב, (און זי האָט איצט געקוקט אױף מיר, אינגאַנצן אַ צעבליטע אַ פאַרויטלטע אין איר אייגענעם קינדיש־צע־שמייכלטן פרילינג־באַגין; און זיך געשפיגלט אין מיר, ווי אין אַ שפיגל אַלציינס, אין איר אייגענער אויפגעשפילטער שיינקייט;) בעט זי פון מיר: אַז איך זאָל איר רעקאָמענדירן עפּעס אַ גוט בוך צום לעזן; אָ, ווייל זי וויל אַ ז ו י — לערנען, פאַרשטיין; קענען די וועלט, דאָס לעבן, מענטשן...

און זי איז אַרויס...

אַרום מיר, דערווייל, (האָב איך פאַרנומען, אין מיין צעהיצטן דמיון,) הויבט זיך אָן וועקן — דאָס גאַנצע הויז; קראַנקע, פון אַלע על־טערס, און געשלעכטער; איטלעכער קראַנקער — מיט זיין ברעד, מיט זיין טרוים...; פיין, פיין, און האָפענונג צאַפּלענדע שלאָגט — אין דער פיין... און אינצווישן, אַרום זיי, פלאַטערן אַרום, (ווי די ליבע־זיסע עראָטישע יעזוס־מיסטעריע,) די אַבנעגירטע באַרמהאַרציקע שוועסטער פון פּאָלק; אָט די פּשוטע ליידנדע רעזיגנירטע פרויען, וועלכע טראָגן אפשר אַרוי־בער און האָבן אויסצושטיין, אָ, אין זייער הייליקער אומבאַרירלעכער מענטשלעכער ווערדע — נישט ווינציקער, איידער ווי די סאַמע שווערס־טע קראַנקע אַליין; זיי קוקן אַריין, נאַכאַנאַנד, אָן שרעק, פאַמיליאַר, העט, דעם טויט, דער פיין, אין סאַמע צורה, און פאַרנעמען זייער דעך; און אין זייער מעכטיקער מיסטעריעזער עראָטישער איידעלער ליידנדער פּשטות, (אָט דער סוד פון פּאָלקס געטלעכער פּאַטענץ,) ברענגען זיי זיסע טרייסט און וואַרעמע גלעטנדע היילונג פאַר יונג און אַלט... אָ, זיי זע־נען שטאַרקער פונעם טויט; זיי זענען — דאָס לעבן אַליין; ווייל זיי זענען — די זיסע מיסטעריעזע עראָטיק; דער אומשטערבלעכער לעבנס־טרוים פון זייער זיסער שאַרף־פיינלעכער ביאָלאָגיש־צעקאָכטער לייב־מאַסע; דער פלאַטער, וואָס איז גובר דעם טויט —ו העט אין דער סאַמע־פיינפולסטער, אינטימסטער, עפילעפּטיש־עקסטאַטישער ליבע־אָנבאַהעפ־טונג צ ו א י ם א ל יי ן ...

...אָט דערציילט דאָך דאָסטאָיעווסקי: אַז אין מאָמענט, ווען די באַ־גנאַדיקונג האָט אים אָפּגעריסן פון עשאַפאָט, — האָט ער דערשפּירט אַזאַ שאַרף־טיף־מענטשלעכע, אַזאַ שרעקלעכע בלוט־שאַנד־באַליידיקונג איבער

זיין גאַנץ אויפגעצאַפּלט דערשיטערט לייב, — עליי ווי מע וואָלט אים, לעסטער־שפּאָטנד, אָ פּ גּ ע ר י ס ן , מיט זיין נאַקעט־אַנטבלויז־טער צעקאָכטער אינטימיטעט, אין סאַמע־העכסטן פּיין־יחוד־עקסטאַז, פון צו־זיין אָנבאַהעפט — צו זיין פאַטאַלן ליבע־אידעאַל...

און די צייט איז אַלץ געגאַנגען. איך האָב געפּיבערט, געליטן און געטראַכט; נאָר, דער עיקרשט, געהערט, געזען אַזויפיל; נאָכאַנאַנד, דור־שטיק אין זיך איינגעזאַפּט דעם אומויפהערלעכן צושטראָם אָף מיר פון נייס, פון אַלץ־פרישע רעוועלאַציעס; „...וועלכע זענען, אין פלוג, אַלט ווי די וועלט; איז, אָט אין ד ע ם גופא טאַקע באַשטייט זייער חידוש, די איבעראַשונג: אין דעם, וואָס זיי זענען — אייביק, אומדערשיטער־לעך, און אַזוי איינפאַך, פּשוט, ווי די ערד, ווי די זון, ווי די לופט; אָט בפירוש, ווי דער סאַמע פּשוטסטער אייביקסטער אמת פון דעם לעבן אַליין...‟ און דאָס אַלץ איז געווען — די איינציקע אייביקע וואָר: די געבענטשטע מענטשלעכע פּיין... איצט, אין מיין פאַל גענומען... אַריבער געציילטע עטלעכע טעג; די קינסטלעכע איינשטייניקונג, וואָס מע האָט אין מיר געהאַט איינגעשטעלט פאַר דער אסתומכא, צוליב דער היילונג, האָט, ענדלעך, געמוזט אַרונטערגענומען ווערן; און איך האָב איצט באַ־דאַרפט אַריבער, (מיט דער הילף פון אַ סטימול,) צו אַ צושטאַנד אַ פאַר־קערטן... איך בין געווען אויסגעמאָרדעוועט, פון די לעצטע טעג אומגע־הויערע יסורים; און געוואָרן אַזוי אָפּגעשוואַכט, ווי אַ קינד. און דאָ, האָט מען באַדאַרפט, ערשט, גוט אַכטונג־געבן, וואַכן באַטאָג, באַנאַכט. איין רגע, חלילה, אַז איך וועל מיך נישט איינהיטן, ווי געהעריק; איינדרעמ־לען, פאַרשלאָפן, צי וואָס, — אַזוי ווערט גלייך מיין גאַנץ געלעגער אונ־טער מיר צו אַ בית־הכסא באַקערט... איך בין אומגליקלעך; וואָס טוט מען? וויאַזוי גייט מען זיך אויסשטעלן צו שאַנד און צו שפּאָט, (איך, אַן עלנטער עלטערער מאַן,) — פאַר זיי, די זיסע וואוילע האַרציקע שוועס־טער פונדאַנעט?.. „...אַ, וואָס וועלן זיי קלערן פון דיר, דערנאָך; דאַן, יוען דו וועסט שוין דאָ נישט זיין מער? טאָ, וואָס פאַר אַ אָנדענק וועסטו האָבן געלאָזן פאַר זיי, פון זיך — פע, דיין עקלהאַפטן מענטשלעכן גע־שטאַנק?!.‟

איך האָב געמיינט, אַז איך ווער געעקט, פון אָט דער פרישער שאַר־פער פּיין; אַז איך קום אום... און מיטיינמאָל, האָט מיר אַ שמיץ־געטון איבערן רעיון — מיין טאַטנס אַלט־קאָצקער חסידות; דאָס, וואָס ער פלעגט תמיד דערציילן פון דעם אַלטן קאָצקער רבין ר׳ מענדל: וועלכער האָט כל־ימיו געקעמפט, כדי צו מקרב־זיין דעם קץ; נאָר די קליינלעכ־קייט פון די נישטיקע מענטשעלעך פון זיין דור האָבן אַלע זיינע גוואַל־

דאָוונע איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען געמאַכט צונישט. ביז וואַנען דער גרויסער פירכטערלעכער רבי איז אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג; ער האָט אויסגעשריגן: „— פע, די וועלט עיפושט!..“; און ער האָט זיך אָפּגעקערט פון איר, מיט עקל; זיך איינגאַנצן איינגעשלאָסן אין זיך; אַזוי, ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן...... אָ, אָט דער דאָזיקער יאָטערנדער אמת פון דעם אייביקן אַלט־קאָצקער חסידות: אַז דער מענטש איז — אַ סרחן, אַ ניבזהדיק עיפושדיק ווערעמל; וואָס דאַרף שלאָגן נאָכאַנאַנד, אומדערבאַרעמדיק, איבער לעכערלעכער טיפּשותדיקער מענטשלעכער גאווה... אָבער, מיין גאָט! צי איז דאָס, ווירקלעך, אַזוי? איז ער טאַקע, דאָס מענטשן־קינד, בלויז — מיסט און נישטיקייט, און מער גאָרנישט?! נו, און די טיפע אייביקע מענטשלעכע פּיין; אָט דער פאַרבאַנד, וואָס מענטש האָט פאַרשניטן מיטן טויט, וועלכער פאַרביטערט אים אייביק דאָס לעבן; און דאָך, שטייט נישט אָפּ מענטש, אין זיין עקזאַלטאַציע, אין זיין געראַנגל, אין זיין פולבלוטיק גלויבנד געזאַנג; אין זיין אומויפהערלעכער ליבע־עראָטישער אויפדרעמפונג, ווי אַ פייער־אָפּפער און ווי אַ שטורקאַץ באַגלייך, אין אויפפלאַם־באַהעפטונג צו זיין אידעאַל — העט, ביז דער איידלסטער סובלימירטסטער זיסטער זעלבסט־אומברענגונג, זעלבסט־פאַרצערונג, אויסגיין, אין גסיסה־עפּילעפּטישן עקסטאַז, וואָס איז עלול, אַזוי מעכטיק־אומבאַזיגבאַר: אָט דעם סאַמע־אומדערבאַרעמדיקסטן טויט אַליין — אין דעם תענוגדיקסטן ליבע־אויסשטורעם צו באַקערן...

...נאָכאַמאָל — די פּיין, די פּיין; די רעוואָלאַציע פון דער הייליקער מענטשלעכער פּיין... אָט גייט זי דאָ אַרום, זי שטראָמט — פאַרביי מיר, אין מיר, און אַרום... אָן וויינט, דאָרט ערגעץ, אַ קראַנק אומשולדיק קינד...... און דאָרט, (ווי איך דערוויס זיך פון די שוועסטער,) ברעדיעט אַ יונגערמאַן, באַ וועמען מע האָט אָפּגעשניטן אַ פוס; נאָר די בראַנד, (דער טויט), וואָס האָט זיך איינמאָל אַריינגעכאַפּט אין זיין אָרעמען גוף און אים באַפאַלן, אַזוי אַכזריותדיק, — וויל אים נישט פאַרלאָזן מער; זי האַלזט און קושט אים, זי ליבט אים, און זי פּליסטערט הייס צו אים אַף זיין פון־שרעק־גליווערנד בלוט: „...— אַז ע ר, און ז י, די בראַנד, זענען אומצעשיידבאַר מער, עזה כמות אַהבה, ווי די ליבע. ווי דער טויט...“ ...און אָן פון דאָרטן, אַנטקעגן, דערטראָגט זיך דאָס קרעכצן פון אַ געווינערן; נאָכגעלאָזענער, צודרינגלעכער, שאַרפער; ביז זי רייסט זיך איבער, מיט אַ פלאַם־בלאַנקנדן קוויטש — גלייך אין דער אויפגעשווילענער שטילקייט אַריין; וועלכע שלאָגט באַלד־אויף, צעבליט ווי אַ ליבע־ראַקעט־בלום — מיט זאַפטיק קינדיש געוויין פון פריש אויפ־

געגאַן לעבן, אין אַט דעם אייביקן עמק הבכא פון דער מיסטעריעזער מענטשלעכער פּיין...

...נאָר, אַט דוכט מיר, ערשט: ווי איך קום אויסטיילן, אין צווישן אַט דעם גאַנצן מענטשלעכן הייסן אָטעם־דעך — דאָס געוויין פון עט־לעכע פרויען פאַראַמאַל...

— אָ, אַדעליאַ, מאַריאַ לויסאַ; וואָס איז דאָרטן?..

...און איך ווער געוואָרע: אָ, אין יענעם צימער ליגט אַן אַלטער גרייזגרויער מאַן, שוין אין די זיבעציקער. דאָס גאַנצע לעבן זיינס, האָט ער אָפּגעגעבן דעם פאָלק; ער האָט געקעמפט; געלערנט פאַרשטיין. ביז ער איז געבליבן — גענצלעך דערשעפּט; ער גייט אויס... נאָר, ער שעפּ־טשעט אַלץ, קוים צום פאַרנעמען שוין, ער הערט נישט אויף, אָ, אַלץ איינע און די זעלבע בלוטיקע ווערטער, אַזוי ווי אַ שטילע תפילה, אַ גע־זאַנג:

...— גלויבט! איין זיסער אייביקער אמת איז פאַראַן: קעמפן, און דאָס אייגענע לעבן אָפּגעבן — פאַרן פאָלק...

...און ער צעבליט זיך, אין לויכטנדן שמייכל; און ער גייט אויף...

...נו, און אַט די אַלע הייליקע ליבע זיסע אַבנעגירטע באַרמהאַרצי־קע שוועסטער פון פאָלק; וועלכע ראַיען זיך, (אַזוי רעזיגנירט, נאָר — נישט דערשלאָגן, נייערט — שטאָלץ און ווירדיק, און זאַגאַר מיט ליבע־גליק, אָ, ווי די הייליקע מאַמע אַלציינס.) — אין אַט דעם גאַנצן צאַפּל־דיקן וויוויסעקציע־הויפן מענטשלעכן קויט־אָפּפאַל, אוויר־עיפּוש, און מיסט...

...— ניין!.. (און איך האָב, מיטאַמאָל, אויפגעהויבן מיין קול;) הערט מיך אויס, איר — ליבע, וואָס איך — אַ געפּרואוווטער, איינער פון דאַנעט — האָב אייך צו זאָגן, אַצינד: — איך פּראָטעסטיר!.. נישט — עיפּוש איז דער מענטש; נאָר — שמעקעדיקער בליענדער טרוים, האָפע־נונג, מוט, גלויבן, אַנזאָג אָף זיג, דערהויבונג, צוקונפט, ליכט... אָ, וואו נאָך דען אַזוי בלוטנד־קלאָר, טוסטו זיך דורכדרינגען מיט אַט דעם איי־ביקן טרייסטנדן אמת, ווי אָט דאָ, אין דער דאָזיקער אָנגעהיצטער מענטשלעכער לופט... וייל...

די ר יי נ ע לופט פון סאַנאַטאָריעס, שפּיטעלער
איז אָנגעזאַפּט מיט אַזויפיל הייליקער מענטשלעכער פּיין;
זי שיינט, זי שטראַלט — זיך־באַנייענדער, העלער,
ווי אין קעלטער פון לעבן — דער קוועלנדער וויין;
אָ, ד אָ ר ט, מ מ ע מ ק י ם, אויס די טיפענישן פון קעלער,
גייט־אויף, אין אומשולד, מענטש־ק י נ ד י ש ע ר זיין...

●　●

אַז די צייט איז אַלץ געגאַנגען; איך האָב פּאַמעלעכקע אָנגעהויבן קומען צו זיך; און פון מיר האָט, לאַנגזאַם, גענומען אָפּשטיין, אָפּגיין, מיך פאַרלאָזן — די פּיין, — האָב איך, באַנאַנד דערמיט, דערשפּירט — אַזויווי אַ באַנג צו דעם אָפּגייענדן און, באַגלייך — אַ שרעק, בפירוש — אַ שווערע מורא פ אַ ר ד ע ם, וואָס גייט דאָ אַצינד, פון היינט און ווייטער, קומען אויף מיר; עס הייסט — פאַר דעם ווערן געזונט... איך האָב, נעמלעך, זיך יאָוונע עפּעס גענומען שרעקן — פאַר דעם דרויסן; פאַר אָט דעם פאַלשן אילוזאָרישן לעבן, וואָס פליסט — אָן דאָרט, אין די גאַסן און אויף אַלע טומלדיקע געמאַרקן — מחוץ פון דער דאָזיקער איצטיקער וועלט מיינער, מיט איר בלוטיקער אמת־רעוואָלוציע פון פּיין: אָן דאָרטן, אין דער לעבערלעבער פאַרבלענדזעניש, וואו איך האָב געלעבט פריער, און אויס וואַנען איך האָב געהאַט אַ זכות זיך־אַרויסצוראַטעווען און גרייכן אָנקומען ביז אַהער; נאָר איצט, שטייט עס מיר פאַר באַנייס זיך־אומצוקערן אַהינצו; אַזויווי ווערן אַרויסגעשטויסן פונדאַנעט; ווידער פאַרטריבן און דערווייטערט פון דעם אמת דעם איינציקן; פון דעם ליכט, פון דער שיין... נאָר, צי וועל איך דען דאָרט האָבן כוח גענוג, אויף צו קענען ביישטיין דעם באַנאַלן קוואַטשיקן לעבנס־שטראָם, וואָס טוט אַלץ פאַרפלייצן, מיטרייסן מיט זיך; און נישט ווערן, איניינעם מיט אים, פאַרטראָגן, אויפגעלייזט אין זיין באַטויבנדן רויש; פאַרשווינדן?.. אָ, יענע וועלט פון דרויסן, און די — פון דאַנען: צוויי שטראָמען, וואָס פליסן אייביק באַנאַנד; איינער, נ ע ב ן דעם אַנדערן; איינער, פ ו ן דעם אַנדערן — אין דעם אַלץ־איינעם און דעם זעלבן לעבן; און דאָך, ווי קאַרדענאַל־אַנדערש זיי זענען, און ווי מוראָדיק ווייט, איינער פון דעם אַנדערן; ווי דער אמת — פון דעם שקר אַלציינס; ווי דער הימל — פון דער ערד; צי, ווי דאָס ליכט — פון דעם חושך... און איך, האָב מיך איצט אַזוי געשראָקן דערפאַר, פאַר אָט דעם פאַרשטייענדן נסיון... ניין; איך האָב בפירוש נישט געוואָלט געזונט ווערן; נייערט, דאָ שוין אַזוי פאַרבלייבן, צווישן די מייניקע, אין אָט דער נייער איינציק־וואָרהאַפּטער אַנטדעקטער וועלט פאַר מיר; און צווישן מיינע פריינט די איינציקע, די אמתע, די ברידער און שוועסטער מיינע פון ליידן און פּיין...

...ניין; איך וויל נישט געזונט־ווערן...

מאָדנע. איך האָב מיך איצט עפּעס גענומען געבן רעכענונג: אַז אָט דער גאַנצער פאַל מיט דער אָפּעראַציע איז געווען — ווי אַ מין אָפּנאַרעריי. מע האָט, נעמלעך, פאַרנאַרט מיין פריינט, (אָט דעם לאַנג־יאָריקן איינגעגעסענעם ווי אין מיין לייב.) און מע האָט אים פון מיר געטון אָפּשיידן. איינס און צוויי — און אָפּגעטון, פאַרפאַלן... אין תחילת, אַ פּנים, האָט ער, מיין אַלטער געטרייער פריינט, זיך אַליין נישט געגעבן

קיין רעכענונג: וואָס מע האָט דאָ אַזוינס צו אים געטון... אָט האָב איך דאָך געהאַט געהערט אַפילו אַזאַ פאַל פון איינעם, מיינעם אַ גוטן באַקאַנטן: באַ ווערמען מע האָט געהאַט אַמפּוטירט אַ פוס; נאָר ער אַליין, אַ צייט לאַנג דערנאָך, האָט זיך נאָך אַלץ נישט געהאַט דערוואוסט, אַ ר־ ג אַ נ י ש — וואָס אַזוינס, אַ שטייגער, מע האָט עס געהאַט געטון צו אים; און ער האָט נאָכאַנאַנד רעבעלירט, געגוואַלדעוועט, מרעיש עולמות געווען, וועלטן איינגעלייגט; און אַלץ נישט געקאָנט שלום־מאַכן מיט דער וואָר: אַז אַזוי איז עס; און אַז דאָס, נעמלעך, האָט צו אים פּאַסירט... ניין. ער האָט זיך כסדר בלינד־פּרענעטיש געריסן, געשטורעמט און געפּרעגט:

...— וואָס אַזוינס האָט מען ד אָ ר ט צו אים געטון?!.

יאָ; איז, שיר נישט — עטוואָס ענלעכעס צ ו ד ע ם, האָט, אַצינדערט־אָט־דאָ־אָ, געהאַט פּאַסירט באַ מיר... ביז וואַנען ער, דער מרייער האַרציקער פריינט מיינער, האָט זיך, ענדלעך, דאָך געגעבן רעכענונג: וואָס מע האָט דאָ מיט אים אָפּגעטון; וויאַזוי מע האָט אים גענומען און אַנטשלעפּט; און, בעת ער אַליין האָט געדרעמלט, האָט מען געכאַפּט און אים געטון אָפּטיילן פון מיר — בחזקת היד... ווי געזאָגט: פּאַרפאַלן; צוריק קיין וועג איז נישט פאַראַן מער... איז ער איצט געשטאַנען פאַר מיר, זיין פּאַרעטער; אַליין, מיט שווערן עלנטן טרויער באַלאָדן; און געקוקט צו מיר, מיט אַזויפיל תרעומות, פאַרוואורף, אומפאַרציילעכן פּאַריבל:

„....— זאָג, פאַרוואָס האָסטו גענומען און מיך דערמאָרדעט; מיך, דיין טרייען פריינט, וואָס האָב, צוזאַמען מיט דיר, אַזויפיל געבלוטעט? אָ, וויאַזוי האָסטו גאָר געהאַט אַ האַרץ דערצו?!. צי וואָלט איך עס, ווען, חלילה, געווען געקאָנט טון צו דיר; דיך פאַרלאָזן, אַף איין רגע אַפילו; עס זאָל מיר גאָר קענען איינפאַלן אַזעלכס? היינט, טאָ ווער האָט זיך דאָס גאָר געקאָנט ריכטן — פ ו ן ד י ר ?...“

אַזוי, אַז איך האָב שוין באַלד רעכט אַליין נישט געוואוסט: צי איך האָב גוט געטון מיט דער גאַנצער זאַך, וואָס איך בין געלאָפן זיך־אָפּערירן...

...אגב: עפּעס גייט דאָך אָן, בכלל, (לויט ווי איך האָב געהערט,) אין דער מעדיצין, אַ שאַרפער ערנסטער וויכוח — צווישן דער כירורגיע, און דער קליניק; און איטלעכער צד לייגט איין וועלטן; שטייט שטאָל און אייזן — פאַר דאָס זייניקע; רוקט אַרויס שווערע וואָגיקע אַרגומענטן — פּאַר, און קעגן; מאַכט פון דעם אַנדערן — אַש און פּאַרעך...

אין וואָס, אייגנטלעך, דאָ גייט, ווירקלעך, — בין נישט איך עס געווען דער ידען, אַף צו קומען אורטיילן. דאָס איינציקע, וואָס איך האָב

געוואוסט אָבער, אין מיין אייגענעם געגעבענעם פּאַל געגומען, און וואָס איז אַצינד מיר אַליין געווען נוגע אַמבּלוטיקסטן, — דאָס איז געווען — אָט די לאַגע מיינע; וואָס איך האָב געגומען איינזעען, אַזוי באַזאָרגט באַשיינבּאַרלעך־קלאָר: וויאַזוי איך קום געזונט ווערן; און דאָס האָט נישט געטויגט! און טאָמער האָב איך געהאַט אין מיין לעבן איינציניינציקן פּריינט אַ אויפריכטיקן, וואָס האָט מיר געלערנט די תורת אמת פון ליידן, — האָט מען גענומען — אַף אַזאַ, צי אַף אַ אַנדער אופן — און מע האָט אונז ביידן צעשיידט, אַף אייביק; און איצט, שפּיר איך: וויאַזוי איך ווער, בהדרגהדיק, שעה נאָך שעה, אַלצמערער דערווייטערט פון דער פּיין; פון דעם אמת; אַ, פון מיין איינציקער וועלט... היינט, טאַ, וואָס וועט עס, אַצינד, פון מיר ווערן?!.

וואָס איז דאָס געווען אין מיר — אָט דאָס נישט־ווילן געזונט־ווערן; אָט דאָס קלאַמערן זיך, אַזוי קראַמפּהאַפּט, אין דער פּיין — אַ דראַנג צו אונטערגאַנג?.. אָט האָב איך דאָך, אַ שטייגער, געוואוסט פון פאַלן אַזעלכע אין דער געשיכטע: וויאַזוי יחידים, גרופּעס, צי דורות גאַנצע אפילו, זיינען פּלעצלעך פּאַרכאַפּט געוואָרן — פון אָט דעם פּאַטאַלן דראַנג צו אונטערגאַנג; און זיי האָבן שוין נישט איינגערוט מער, ביז זיי האָבן נישט געבראַכט אַף זיך אַליין דעם אומקום... איז איצט מיט מיר געווען — דער זעלבער פּאַרפּאַל?

ווייס איך נישט. און נישט איך בין עס מחויב צו ווּיסן אויבעט. וואָס בין איך — אַ גאָט? דער שיקזאַל?!. זאָל צו מיר ווערן געטון ד אָ ס , וואָס עס דאַרף מיט מיר געשעען. נישט איך בין עס בכוח אָפּצוואוענדן, אפילו ווען איך וואָלט דאָס באַגערט; און בפרט, אַז איך וויל עס גאָרנישט — אַליין. איך דערקלער, פּייערלעך־קלאָר: אַז איך מיש מיך נישט, און אינטערוועניר נישט — אין די הויכע הימלישע משפּטים: איינמאָל, ווייל מע פרעגט נישט באַ מיר; און ס׳אַנדערע, ווייל עס גייט מיר לגמרי נישט אָן... איטלעכער, אין דעם זיין, האָט זיך ז יי נ ס צו טון... איצט, וואָס איז נוגע מ י ך אַ ל יי ן , — איז, (אַזוי, צי אַנדערש,) האָב איך דערשפּירט — אַף יענער הויך פון מיין לעבן, און דאָרט, אין יענער איידעלער אַטמאָספער: אַז דער אמת פון לעבן, פון מענטש, פון די אויסדערוויילטע, פון פאָלק, שלאָגט און צאַפּלט אַזוי טיף — אין דער געבענטשטער מיסטעריע פון ליידן, פון פּיין; און איך האָב, (אַלס מענטש, אַלס שרייבער; אַלס איינער, וואָס האָט געהאַט דאָס גליק צ ו ד ע ר ה ע ר ן אַף זיך דעם וואַרעמען אָטעם־פלאַטער פון אָט דער מיסטעריע; אַ, זאָגט אייך, וואָס איר ווילט אַליין;) נישט געוואָלט ווערן אוועקגעריסן פון אָט די לעבנס־קוואַלן, באַין אופן. ווייל, זאָגט, מיט אַן אמת: — וואָס בלייבט דען פון אַ שרייבער־מענטש אינגאַנצן, אַן זיין

טאלאנט; נו, און וואס איז ט א ל א נ ט, אז נישט — שארפע נאגנדע פיין?..

ווען איך האב געפרואווט א רעד־טון וועגן דעם, (נאטירלעך, אזוי פארזיכטיק, ווי איך בין עס נאר געווען אומשטאנד,) מיט די קראנקנשוועסטער — אדעליא, מאריא לויסא און די אנדערע, (מיט וועמען, אגב, מיר זענען, פאר די דאזיקע געציילטע פאר טעג, גאר גרויסע גוטע פריינט געווארן,) — האב איך, נישט אן חידוש, צוגעזען: וויאזוי אט דאס דאזיקע אנגעווייטיקטע פראבלעם, דאס הייסט, דער ויתרוצו אין זייער פרימיטיוו פרויאיש געמיט — צווישן אט די צוויי שארף־אויסגעשפראכנקעגנגעזעצטע וועלטן, (די — פונדאנעט, און יענע — פונדרויסן, וועלכע נעגירן זיך, אזוי קאטעגאריש, איינאנדער,) — טוט זיי מאטערן, (מעגלעך, מחמת דער אומפארשטענדלעכקייט פון אט דער גאנצער אנגעלעגנהייט פאר זיי,) פיל מערער, פילייכט, איידער ווי מע וואלט זיך דאס גאר געקאנט פארשטעלן אליין, נעמענדיק אין באטראכט: איינמאל — די איינפאכקייט זייערע, אלס פשוטע תמימותדיקע קינדער פון פאלק; און ס'אנדערע — איבער דעם, ווייל דאס האט גארנישט אנגעהויבן אפילו צו זיין קענטיק אף זיי, (אזוי נאטירלעך האט אויסגעזען אין זיי די פארהוילונג,) אדאנק, א וודאי, דער לעבנס־קלוגער מוטערלעכער רעזיגנאציע...

און אט אזוי, האט זיך באקומען און פארגעשטעלט, אזוי מאדנעאויסטערליש — זייער אייגענע פערזענלעכע שווערע מענטשלעכע דראמע; וועלכע, ווי דערמאנט, האט זיי, די פרימיטיווע פרויען, געפייניקט — פיל מער, איידער ווי עס וואלט, אייגנטלעך, אין פלוג, באדארפט צו זיין בא זיי — מיט זייער פרימיטיווקייט, גאנצקייט, אומבארירלעכקייט פון זעל, פון געמיט...; נאר, פון דער אנדערער זייט, איז דאס צוגעגאנגען מיט זיי א ז ו י — טאקע מחמת דער זעלבער אומדערקלערלעכקייט פאר זיי פון אט דער גאנצער זאך... זיי האבן, דארום, געליטן; און אט די עקסטרע ליידן זייערע איבערגעטראגן — פונקט אזוי גוט און שטום, וויאזוי זיי האבן פארטראגן אלע אנדערע אומצייליקע צום אויסרעכענען מינים ליידן זייערע, דא אין דעם מקום... אבער, איר ווייסט, פארוואס? טא, ווי מאדנע עס זאל נישט פארקומען: אלץ טאקע, מחמת דער איינער און דער זעלבער פרימיטיווקייט זייערער; דער גאנצקייט און אומבארירלעכקייט פון זייער פאלקס־זעל; פון זייער געבענטשט הייליק קינדיש געמיט... און איר באנעמט שוין, א וודאי: וויאזוי זייער פרימיטיווקייט, פון איין זייט, האט זיי די באזונדערע ליידן געטון פארשאפן; נאר, אט די זעלבע ווידער נאטור זייערע איז, באגלייך, געווען די יעניקע,

וועלכע האָט די אייגענע לײדן אין זיי געלינדערט און געמילדערט, כסדר, נאָכאַנאַנד, אָן אויפהער...

— אין וואָס, אייגנטלעך, (וועט מען פרעגן,) איז עס באַשטאַנען די ספּעציעלע פּיין זייערע?

דאָס איז געווען — אָט די נאָכאַנאַנדיקע אומויפהערלעכע אָפּליפּערונג; דאָס כסדרדיקע גיין און קומען פון קראַנקע; דער אָנהאַלטנדער טויש פון געשטאַלטן, אינדיווידן, מענטשן, פּערזאָנען; מיט ווען, (מע איז דאָך נישט מער, ווי אַ מענטש,) מע ווערט היימיש, באַפריינדעט; מע באַקומט וועמען ליב אַפילו — אַמאָל, אין געציילטע טעג בסך־הכול; מענער, פרויען, צי קינדער; עס דערנעענטערט דער ווײ, די הילף, די רעטונג, דער שמועס, דער באַריר, דאָס וואַרעמע אויפריכטיקע מענטשלעכע וואָרט, די טרער, אין דער פּיין... און מיטאַמאָל, בלייבט אַלעס גוואַלדזאַם איבערגעריסן. דער גרויזאַמער אומדערבאַרעמדיקער טויט, וואָס פאַרשאַפט ספּעציעלע בלוטנדע פּיין. נו, און אין פאַל פון ווערן געזונט, — ווערט יענער, (דער אָקאַרשט־געוואָרן־פאַרפלאַנצטער אין איר אָרעם הארץ, פון דער שוועסטער,) אויס דאָרט — גלאַט, מיט אַ שטיק בלוט אירס, אַרויסגעריסן; אַוועק צו יענער דרויסנדיקער ווייטער וועלט; פאַרשווינדן דאָרט, פונוואַנען ער איז געקומען; און זי, די אָרעמע, (וועמעס ליבע יענער — דער פרעמדער אומבאַקאַנטער, און דאָך, פאַר אַ ווײַל, אַזוי נאָענט־געוואָרענער — האָט אַזוי ברוטאַל עקספּלואַטירט; ממש, אין איר היים מוטערלעך בלוט זיך געבאָדן, —) האָט איצט אַפילו נישט קיין צייט — צו לאָזן אַ טרער; צו בלייבן פאַרהאַלטן, איין ווײַלע אַפילו, אַף איר שאַרפן ווײ. איר ווייסט, פאַר וואָס? ווײַל עס שטראָמט שוין אַף איר, פון אַלע זייטן, און איך וואָלט געזאָגט — פון אַלע וועלטן, (הן — פון דרויסן, ווי פון דרינען,) און עס שלאָגן־צו צו איר געמיט, און עס טוען איר דערלאַנגען, מיטרייסן, אונטערהויבן און פאַרפלייצן — פרישע שטראָמען לייד און פּיין, אויס דעם אייביקן געזאַלצענעם בלוטיקן ים פון די הייסע קאָכעדיקע מענטשלעכע טרערן... נו, איז אָט דאָס, מיט דער צייט, מ ח ו י ב : איר, דער אָרעמער שוועסטער, (וועלכע — אַזויווי יעדער אַנדערער מענטש אין דעם לעבן — האָט דאָך נישט מער, צום רעאַגירן אַף דעם אַלעמען, ווי איין אָרעם באַגרעניצט הארץ, וואָס איז ענג־איינגעצוימט שמאָל און צו־שוואַך, אַף צו זיין קאַפּאַבל אויפצונעמען און איבערלעבן, דורכלעבן, אָן אויפהער, אַלצנייערע און פרישע קאָכיקע צושטראָמען פון ווײ, ליבע און פּיין,) יאָ, איר צו נעמען, און איר באַקערן, שיר נישט, אין אַ ז אַ א ו מ נ אַ ט י ר ל ע ך וועזן, — וועלכע הערט גאָר, מעגלעך, אויף אינגאַנצן, צו זען פאַר זיך, (אַזויווי יעדער איינער פון אונז) — מענטשן, געשטאַלטן, אינדיווידן; און אַנ־

שטאָט דעם, (אָ, הערט,) שטעלט זיך גאָר איין פּאָר איר געמיט — עפּעס אזא מין אַלגעמיינע, אַלמענטשלעכע, (שיר נישט — אומפּערזענלעכע, איבּ־לאָזע) מענטש־מענטשהייט־דעקאָראַציע... איז, פאַרשטייט זיך, אַז, פּונקט אַט אזוי אָ, ווערט אויך זי אַליין, די קראַנקנשוועסטער, אין איר באַצוואונ־גען איבערגעלאָדן און אויסגעקערט געמיט, (אַלציינס, ווי לגבי די קראַנ־קע,) — עפּעס אויסטערליש־מאָדנע־נייִ, איבּלאָז, געשטאַלטלאָז, ווי נאָ־מענלאָז־אומפּערזענלעך — אַ שוועסטער; אָדער גאָר עפּעס — אַ הייליקע מאָנסטעריעזע בלינדע מוטער־פּרוי, וועלכע שטראָמט מיט וואַרעמען צערטלעכן בלינדן מאַמישן ליבע־פלוס — צו אַלע, פון איר־אומגעזעענע, טייערע ליבע האַרציקע קינדער באַגלייך...

...נאָר, צי איז זי דען, ווירקלעך, שוין אויפגעלייזט, מיט אַן אמת, דאָס הייסט, פּערזענלעך ליקווידירט, העט, ביז צו אירע סאַמע־טיפסטע אינערן; אַזוי, אַז דאָס זאָל כאָטש לינדערן, אַף אַזויפיל, איר דאָזיקע שוידערהאַפטע טראַגעדיע — פון נאָכאַנאַנדיקער אומדערבאַרעמדיקער (אין קעגנזאַץ צו איר אייגענער אומויפהערלעכער באַרמהאַרצי־קייט,) איבער איר אַלוועלטלעכער באַצווינגונג?!.

נאָכאַמאָל: איך האָב געקוקט אַף די צעפּייניקטע צעשמייכלטע רעזיגנירטע קראַנקנשוועסטער, וואָס פּאַר מיר; און איך האָב געשטוינט, געגרוילט דערפון, וואָס איך האָב, גאַנץ־אומגעריכט, דערזען אין זיי; פון אַט דער נייער רעטזעלהאַפטער שיין, אין וועלכער זיי האָבן זיך, איצט, פאַר מיר פאַרגעשטעלט... און עס איז געווען מאָדנע: וויאַזוי דאָס איז מיר גאָר, פריער ביז אַצינד, וועגן זיי אַפן זינען נישט געקומען... זיי, אין וועמען דאָס סאַמע־איידלסטע געפיל אין דעם מענטשלעכן זיין, די ליבע, איז געוואָרן עקספּלואַטירט, אַף אַזאַ אומנאַטירלעכן גרויזאַמען אופן, (און ווי דערקלערט אויבן, אַזוי געזוי,) — ז ע נ ע ן , (פּשוט, אויס דער מינדסטער זעלבסטשוץ־געזומען, דאָס הייסט, כדי זיך צו קע־נען דערהאַלטן, כאָטש אַף אַזויפיל, און נישט בלייבן גלייך, איינס און צוויי, אויסגענאָגט אויסגעזויגן ביז צום מאַרך, ליקווידירט; און אויך, כדי צו קענען אין זיך אויפהאַלטן — כאָטש אַ שמץ אַ פּינטעלע א י ך , פון אייגענעם מענטשלעכן פערזענלעכן זאַפט, —) אַ ל יי ן געווען געצוואונגען אַריבערצוגיין — צו אַט דער יעזוסדיקער נאָמענלאָזער אַבסטראַקטער מענטשן־ליבע; וועלכע איז, אייגנטלעך, אין איר תוך — אַ ליבע אַן אַפּוועזנדע, אַ געשטאַלטלאָזע, אַ אַנעמישע, אַ בלייכע, אַ אימפּאָטענטע, אַ נישט־געזונטע, אַ קראַנקהאַפטע, אַן אומפּערזענלעכע, ווייל — אַן אומקאָנקרעטע, אַן אומדירעקטע, אַ נישט־אַנגעהאַנגענע, נישט־געוואָנדענע, אַ נישט־געריכטעטע צו קיינעם קלאָר; און אַ נישט־באַהעפטע געבונדענע צו וועמען, באַזונדערס, ספּעציעל... ווייל: נאָר

אזוי, אייגנטלעך, און נישט אנדערש, (דאָס הייסט, קאָנקרעט און דירעקט,) גייט אָן אין אונזער געמיט — די נאָרמאַלע געזונטע ליבע געמוטן; וועלכע מוז זיין — צוגעבונדן; געווענדעט, קלאָר און אויסדריקלעך, צו איין פּערזאָן. זי — די נאָרמאַלע גבולינדיקע ליבע צ ו מ ע נ ט ש, און אין די גרעניצן און תחומין פון מענטש, — מוז האָבן פאַר זיך, תמיד — אַ קאָנקרעט וואָרהאַפּט געשטאַלט, מיט וועמען זיך צו ראַנגלען און צוזאַמענבאַהעפטן, אין גליק־פּיין־גענוס... דאַקעגן, דאָ, אין אָט די דאָזיקע הייליקע היימען פון אַזויפיל פאַרשווילענער מענטשלעכער פּיין, גייט גאָר אויף און עס ווערט געפלעגט — אַ ליבע אַ מאָנסטעריעזע, אַ קרענקלעכע, אָן אויסטערלישע פּאַבלהאַפטע גרעניצלאָזע מענטשהייט־ליבע; אָ, שיר נישט, ווי יענע אור־פּרימיטיווע פּאַרצייטישע נאַטור־ליבע פון די פּריסטערינס, אין יענע היידנישע טעמפּלען, וואו די כלל־ליבע, (יענע קראַנקע, אַנטי־מענטשלעכע, א י ך ־ אומנאַטירלעכע, אַלע־אינטימע־גדרים־צעשטערערישע, בלוטיק־גוואַלדזאַמע ליבע־עקסטאַזיע־אָרגיע,) האָט, אַזוי קראַמפּהאַפּט־גרויל־פּיינלעך, געטון אָפּשפּיגלען אין די אייגענע אויפגעריסענע מענטשלעכע געדערים — יענע געטלעך־אוניווערסאַלע (ווי אָפּקערערישע...) מאַמע־נאַטור־ליבע אַלציינס; וועלכע שטרעקט זיך, בלינד־ליבנד־פּרענעטיש, צו אַלעמען באַגלייך; און זי נעמט אויף לעבנגד, און זי זויגט איין אין איר קאָביק־כאַאָטישער מראַכט די באַגערטע צאַפּל־ליבע — אויך, פון איטלעכן באַגלייך... טאָ, זאָגט, אדרבה: צי מע קען זיך גאָר אויסמאָלן וואו — אָן ערגערע, מערבאַליידיקנדערע פּיין, ווי אָט די אָ...

...און דאָך, האָט דאָס פּינטעלע מ ע נ ט ש, דאָס איך־געפיל, דער אייגענער לעבעדיקער אָטעם, אין יעדער איינער פון זיי, פון אָט די גוטע רעזיגנירטע מוטערס־שוועסטער, זיך פאַרצווייפּלט, אָן אויפהער, געראַנגלט; נישט געוואָלט אומקומען, צעגיין, ווערן אויפגעלייזט... זיי האָבן געשפּירט, ((איטלעכע, נאַטירלעך, אַף איר שטייגער; דאָס הייסט, לויט איר גראַד פון זיין — אינדיווידע, איך, פּערזענלעך; און וואָס ווינציקער זי איז עס געווען, — אַלץ לייכטער האָט איר געדאַרפט אָנקומען — דאָס צו פאַרטראַגן, זיך־לאָזן מיטרייסן מיטן שטראָם, ווערן אויפגעלייזט פאַרשלונגען; וואָס נעענטער צו מאַמע־ערד, (ווי, בכלל, די פרוי,) וואָס פּרימיטיווער, אומפּערזענלעכער, און וואָס־איינגעקלעמטער מע איז עס געווען אין דעם גראָען איכלאָזן פאָלק, — אַלץ גלייכער...; און דאָך, האָט איטלעכע פון זיי, און אַלע, (אָ, מע האָט עס גוט אָנגעזען) — לאָז זיין, אַזוי שטום־פּרימיטיוו, ווי דאָס קאָן נאָר געמאָלט זיין, אָבער — פאַרט געטון שפּירן)): וויאַזוי זיי צעשענקען פון זיך, פון זייער אָרעם לייב — דאָס גאַנצע ביסל זאַפט און צערטלעכקייט, וואָ־

רעמע מוטערלעכע ליבע צו אַט די אַלע עלנטע גוטע ברוטאַלע קראַנקע מענטשן־קינדער (בכלל, אַזויווי קינדער זענען — גוט און ברוטאַל, אור־מעטום אינעם לעבן...) פון אַרום: וועלכע צערייבן, נאָגן און פּלינדערן זיי אויס, ביז לעצט; און אַליין פאַר זיך, ווי, אַ טראָפּן זיסן זאַפט פאַר איין שעה כאַטש אייגן לעבן, אינדרויסן פון דאַנען, דאָרט אין זייער היים, אין דער וועלט — בלייבט אין זיי גאָרנישט... אויסגעזויגענע, ווי די חורבהס, בראָדיען זיי אַרום — דאָרט, אין זייער אייגענער באַשיי־דענער היים, וואָס איטלעכע פון זיי האָט געזוכט פאַר זיך צו בויען — ווי פּרעמדע, פּאַרבלאָנזשעטע, סאָנאַמבולן, יענע־וועלטיקע; אָ, וועמען עס ציט אַזוי, ווי באַטויבטע נאַרקאָטיזירטע, מיטן גאַנצן פּאַרפּייניקטן האַרץ־צאַפּל — צוריקצוקערן באַניים   אַ ה ע ר ,   אין דער דאָזיקער היים פון עקסטאַטיש־זיסער באַרוישנדער פּיין, וואו זיי טוען זייער זאַפט פּאַרלירן: כדי אַט־אָ־דאָ, אין פרישער דעמפונג און פאַרצערונג פון זייער יוגנט — זיך באַניים, אָ, טון דערשפּירן, דאָס אייגענע עלנטע האַרץ, דאָס לעבן; זיך ווידער, אין מאַמישער פּיין און אין שאַרפן ווייַ־געווס, געפינען...

יאָ; אַזוי האָב איך זיי דערזען פאַר זיך, אין זייער נייער שיין, די הייליקע. און כאָטש „איך" דער אינדיווידואַליסט, וואָס אין מיר, (און מע ווייסט שוין, וועמען איך מיין דאָ: דער ענגהאַרציקער עגאָיסט־פּרע־טענדענט אַפן טעלערל פונעם הימל, דאָס סאַמע־אויבערשטע פונעם שטויסל, פילאָזאָף, אינטעליגענט — א י י ן   ק ל י י נ י ק ײ ט ,) האָט זיך עקלהאַפּט־געפּיעשטשעט־געוואָרפּן און שאַרף פּראָטעסטירט קעגן אַט דעם אַלעמען; באַין אופן, נישט געוואָלט ווערן מטושטש אין יענער אַל־געמיינער קאַכיקער ים־מענטשלעכער צעווייטיקטער קינדער־מאַסע פון ליבע־פּיין און צערטלעכקייט; און געפאָדערט קאַטעגאָריש — אויסטיי־לונג, דיסטינגירונג; מע זאָל בפירוש איינזען — ו ע ר   ע ר   א י ז...
— האָב איך אים געבעטן מחילה; אָדער גלאַט געהערט, ווי דעם קאָטער; און אַליין, ווייטער געפּלאָטערט, אין מיין ראַשיקער עקזאַלטאַציע פון באַנייונג...

●

— לאָמיר זען: וואָס מאַכט עפּעס אונזער קראַנקער?..

אין איין פאַרנאַכט; ווען איך בין געשטאַנען באַם צעעפנטן פענצ־טער פון מיין הויך צימער, אַף דעם סאַמע־פּינפטן שטאָק פון דער סאַ־נאַטאָריע, און געקוקט: וויאַזוי אָן דאָרט, אין דעם אומענדלעכן בלאָ־טונקעלן האָריזאָנט, נעמט זיך די צעפלאַמטע זון מאָלן — איר אייגן

פארגיין, אין בלוט־רויטע פייערן... — איז אריינגעקומען דר. גאָלד; אַ פּנים, כדי אָנצוזאָגן די בשורה:

— אַז עס איז שוין די זעקסטע צייט פאַר מיר — זיך־אויסצו־שרייבן; גיין פונדאַנען; אהיים... טאַקע מאָרגן; באַלד, מיטן טאָג גלייך...

פאַרשטייט זיך, אַז עס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אים דאָ געזען. זינט נאָך דער אָפּעראַציע. ער, האָט מיך כסדר געהיטן, געהאַט אַפן אויג; אַכטונג־געטון אויף מיר, פונדערנאָענט, און פונדערווייט. ער איז, יעדן טאָג, געקומען; מיך באַטראַכט; זיך געעסקט אַרום דער וואונד; געגעבן פאַראָרדענונגען, וועמען מע האָט באַדאַרפט; געלאָזן פאַלן אַ פאַר ליבלעכע ווערטער; און אַוועק ווייטער, צו זיינע איבעריקע קראַנקע — דאָ אַליין, אין דעם הויז, און אין ערגעץ אַנ־דערש... נאָר איך אַליין, אין מיין פאַרטראָגנקייט, אין מיין ברעד, האָב אים קוים אַרויסגעזען. אַ קלייניקייט, וואָס איך האָב דאָ איבערגעהאַט? קאָרג געהאַט צו טון מ י ט ז י ך ?.. איצט, בין איך געווען — רו־איק, רעזיגנירט. קענטיק, דער דאָקטער האָט אויך ערשט געהאַט מער צייט. געקומען איז ער, אפשר, (ער, מיין איידעלער פריינט, וואָס האָט אַלץ אינזינען געהאַט;) אַצינדערט, עקסטרע: צו פאַרפירן מיט מיר אַ שמועס, און מיך פאַרבאַרייטן, איצט, באַניים, צו דער וועלט, דאָס הייסט — צום אומפאַרמיידלעכן, וואָס עס שטייט מיר ווייטער פאַר; פונקט אַלציינס, ווי ער האָט עס געטון מיט מיר — פריערט; ווען ער האָט מיך געהאַט, (און ווי זעלטן גוט,) פאַרבאַרייט פאַר אַהערצו... האָט ער דאָך, אַ וודאי, זיך־אָנגעהערט געגוג — וואָס מיט מיר האָט דאָ אַלץ פאַרלאָפן...

איצט, זענען מיר געשטאַנען ביידע בײַ יענעם צעעפנטן פענצטער; געבאָדן די אָנגסטלעכע בליקן אין דעם אויסגעגאָסן־צעשטורעמט־צעזאָ־דענעם פיין־בלוטיקן ים אין די רוימען... און דער דר. גאָלד האָט געגנו־מען טינקען זיינע ווערטער אין דער צעקאָכטער בלוטנדער אייביקער פיין פון דער וועלט; און שרייבן מיט בלוט אויף מיין האַרצן...

— פריינט... איר זעט אַמאָל צו: ווי אייער חבר גרייט אויף אייך — די טויט־פאַרשווערונג; און נישט נאָר, איר וו ע ר ט זיך נישט; נאָר, איר פאַרנעמט, מיט שטוינען: ווי אין אייער געמיט טוט זיך נישט קיין ריר — דאָס מינדסטע, קעגן דעם חבר; וועלכער פאַרבלייבט בײַ אייך אין האַרצן — אַלציינס חבר, ווי געווען...

...— דאָס געשעט צו אייך — ווען איר האָט באַגאַנגען אַ פאַר־ברעכן; אייער נשמה איז געוואָרן קראַנק, אָנגעווירט, געטראָפן; זי לעבט דורך די שווערע דראַמע פון פאַרברעכן און שטראָף; איר שפּירט, איר זעט איין, טראַגיש־קלאָר: וויאַזוי איר זענט דערגאַנגען צום אָפּגיין; אָנ־געקומען צום ברעג, צו דער גרעניץ; ווייטער, גייט עס נישט; נישט צו

רירן זיך פון אָרט, איין טראָט, איין שפּאַן מער; נישט צו הויבן מער מיט אַן אבר, שווער אָנגעגאָסן אָנגעלאָדן מיט בליי; ממש, איר זענט טויט־מיד; און איר וואַרט דאַן אָפּ, הכנעהדיק, און אַפילו מיט אויסקוק און געבעט, מיט תחנונים, צום חבר, (אייער גורל): אַז ער זאָל טון צו אייך — וואָס אים און אייך איז אָנגעצייכנט; אַז ער זאָל דערפילן צו אייך — זיין לעבנס־מיסיע...

...— נאָר, דאָס געשעט אויך צו אייך — ווען איר זענט אומשול־דיק קעגן דער גאַנצער וועלט, ווי אַ קינד. און דאָס איז, אייגנטלעך, אייער גרעסטע שולד קעגן אַ וועלט מיט מענטשן, קעגן אַלע, דעם גאַנצן כלל; דאָס גרעסטע אומפאַרציילעכסטע יעזוס־פאַרברעכן; פאַר וועלכן עס קען אייך נישט קומען קיין מינדערע שטראָף, איידער ווי די קרייצי־קונג... יאָ, איז דאַן, נאַטירלעך, זענט איר מקבל אָפּ זיך די אייך־דער־וואַרטעטע שטראָף — באהבה, ווי אַ ברכה; ממש, מיט אויסקוק אָפּ דער־לייכטערונג, אוים דעם שווערן שוידערלעך־אומדערטרעגלעכן יאָך און דער לאַסט פון אומשולד־שולד קעגן דער וועלט... און איר קוקט, מיט ליבע־טרויער, אָפּ אייערע חברים: וועלכע, איר ווייסט, (ווי יעזוס) אַז, נאָך היינט באַנאַכט, צי באַטאָג, וועלן זיי אייך דריי מאָל פאַראַטן...; און, איר בענטשט זיי, דערפאַר; ווייל איר פילט: אַז זיי קענען נישט אַנ־דערש; אַז דאָס איז — זייער פאַטאַלער חוב צו אייך; אַז דאָס טוען נישט — ז יי , — נאָר — אייער גורל. ד ו ר ך זיי... און איר זעט אין זייער באַוועגונג — די האַנט פונעם גורל; און איר זעט אין זייער בליק — דעם קוק אָפּ אייך פונעם גורל; און איר הערט אין זייער מחשבה — דאָס טראַכטן אין זיי, פון אייער גורל; פאַר וועלכן, איר ווייסט, עס איז נישטאָ קיין אַנטרינונג, אין ערגעץ; ווייל עס איז נישטאָ — קיין ערגעץ; ווייל, אומעטום איז — גורל, אין טאַט, און אין דערוואַרטונג; און אַט דער גורל ליבט אייך... ווייל, איר פילט און זעט: אַז אומעטום איז — ליבע; עזה כמוות אהבה; אַט די ליבע, וואָס איז אַזוי שטאַרק, ווי דער טויט, און שטאַרקער; וואָס גייט האַנט אין האַנט מיטן טויט; ביז וואַ־נען זי טוט אים, אין קאַכיקער פיין, אין הייליקן עקסטאַז, באַקערן צו אייביקן שוואונג...

...— ווען ווערט איר אַזוי לויטער־דורכזיכטיק — אין און אַרום אייך, די דאָזיקע מיסטעריע איינצוזעען? נאָכדעם, ווי איר זענט — דער־שיטערט, אויפגעטרייסלט ביז צום גרונט, געשטאַנען — פּנים צו פּנים מיטן טויט, איבעראַל, אין דעם לעבן; און ד ע ר ה ע ר ט איבער אייער לייב — דעם באַריר, דעם אָטעם־צוג, דעם זיסן באַנגלעכן פליגל־אָנפלאַטער פון אייער אייביקער גורל־ליבע, דעם טויט... אָ, דאַן פאַר־לירט איר, אָפּ תמיד, דעם גלויבן אין דער בלומרשטער געזונטער וואַר

פון דער לעבנס־אילוזיע; עס קומט אַף אייך די אָנגערייפטע רעוועלאַציע; און עס נעמט אייך ציען, אומווידערשטיילעך, צו אָט דער אַנטשלייער־טער פאַטאַלער מיסטעריע, צום זיסן לעבנס־סם פון אייביקער ליבע־פּיין אין טויט...

● ●

יענע נאַכט (געווען די לעצטע פאַר מיר, אין ד ע ם הייל־אַנ־שטאַלט,) האָב איך שוין מער נישט געקענט איינשלאָפן, צ ו ־ טון קיין אויג. איך בין געלעגן, אינגאַנצן אַ אָנגעשפּאַנטער; געבליקט אין דעם אָנגעציטערטן איינגעהאַלטענעם, נאָר אָנגעלאָדענעם טונקל פון אַרום; און אַ שאַרף־אָנגעשפּיצטער, געהערט, פאַרנומען. געהויערט האָט אין חלל, זיך באַוועגט, אין דער שטיל, אָן רויש, נאָר אָן אויפהער, אין אַנגסט־לעכן פליסטער — דער וואַרעמער זידנדער שטראָם פון לעבן, פּיין; גע־ראַנגל פון אויפגיין, פאַרגיין, און באַנייס געבערן; און אַזוי, אָן אַ סוף, אָן אַ אָפּהאַלט... דער הייסער אָטעם פון אַלע קראַנקע, (אַזוי — די קינ־דער, די יונגע, אַזוי — די אַלטע,) זייער טרוים, זייער ברעד, זייער זיפץ, זייער דעך — אָ, אַזויווי פון איין לעגענדאַריש־פאַבלהאַפטן קינד־יונג־אַלטן אייביקן וועזן, — איז דאָ, אין דעם גליאיקן חלל, געוואָרן אַריינגעקערט, און עס האָט געטון אַריינקוועלן, און ווידער צוריק אָפּ־קוועלן, און באַנייס אַריינפליסן־אַריינטראָגן, (און אַזוי — אָן אַ ענד, אָן אַ שיעור,) — אין אָט דעם מעכטיקן שטראָם, דעם אייביקן אייליקן און אַלציינעם ים פון לעבן און טויט: צ ו וו ע ל כ ן עס פליסן־צ ו אַלע טייכן אַלע שטראָמען; און פון וועלכן עס פ ל י ס ן ־ א פּ אַלע טייכן אַלע שטראָמען; און ער אַליין ווערט קיינמאָל נישט פול, נישט ליידיק, נישט גרעסער, נישט קלענער; ווייל ער איז — אייביק; דאָ; און דאָרט, פון יענער זייט, אין דעם לעבן; איבעראַל...

און איך האָב מיך אויפגעהויבן; גענומען גרייטן אין וועג אַריין...

נעהאַט בדיעה האָב איך, (איך ווייס אַליין נישט, פאַרוואָס,) אַרויס — שטיל, נישט־באַמערקט פון קיינעם, אַוועק... עס איז נאָך געווען — גוט טונקל; אַ פריע שעה פון ערב־באַגין... טאַקע נו, צוואָוואָס אויפהויבן אַ טומל? ווער בין איך דען דאָס אינגאַנצן? קאַרג באַלעסטיקונג דאָ איטלעכן פאַרשאַפט? זיך אַריינגעריסן, ווי אַ שטורעם, אין אַ פרעמדער היים; און זע נאָר — וואָס איך האָב דאָ צעאַרבעט, אָנגעקאַלויטעט, אויפגערודערט; און אומעטום, וואו איך האָב מיך נאָר צוגערירט, מיט מיין טייפלשן צעשטערערישן אומגעבעטענעם אַריינדרינג, — האָב איך נאָר אַרויסגערופן אומרו; צעוועקט איינגעדרעמלטע איינגעשטילטע

ליידן; פאַרשאַרפט און צערייצט אַלטע איינגענומענע פּיין... ניין, קיין מילדערונג, קיין היילונג האָב איך נישט געפונען פאַר קיינס. בלויז מיין ברוטאַלן לעבצנדן הונגער נאָך נייס נאָכגעגעבן און געטון צופרידן שטעלן, ביז צו דער זעט; און ווייטער, מיט שטילע איידעלע מענטשלעכע לעבנס אַרום, זיך נישט גערעכנט אַף אַ האָר; מיך געראַיעט ווילד אין זייערע פאַרשווילענע וואונדן; און גאַרנישט אַנגעהויבן צו פאַרנעמען — אַז דאָס טוט ווי...

„...אָבער, אוממענטש וואָס דו ביסט — מיט וואָס פאַר אַ רעכט?..“

...אָ, פאַרשווינדן אומבאַמערקט...

נאָר אַף דער שוועל פון מיין צימער איז ערשט געשטאַנען און גע־שמייכלט, מיט דעם אויפבליענדן באַגין צוגלייך, די פריש־אויסגערוטע אַדעליאַ... זי איז פאַר מיר איצט פאַרגעקומען, ווי אַ זעונג, אַ שיין, אַלציינס; אינגאַנצן אַ ליכטנדע, ווי אַ לעצטע געבענטשטע רע־וועלאַציע — אין אָט דער אויסנאַמלעכער וועלט פון טויזנט און איינס וואונדער... און איך בין געפאַלן פאַר איר אַף די קני; מיך גאַרנישט דער־וועגט איר אַנצורירן... בלויז מיינע הייסע ליפּן האָבן געשעפּטשעט — בעת איך האָב, מיט פאַרלאָפענע בליקן, אַרויפגעקוקט צו איר, מיט ציטער און ערפורכט:

— דו ביסט — אַ הייליקע... דיין זיסע נשמה; דיין וואַרעמער הויך; אָ, דיינע צערטלעכע איידעלע הענט, וואָס שטילן דעם ווי פון די אומ־באַהאַלפענע...

און איך בין שווער אַוועק.

אינדרויסן, האָט מיך אויפגענומען — אַ העלער וואַרעמער פרי־מאָרגן. די שטאָט האָט זיך געוועקט, מיט אימפּעט, דאָס לעבן. נאָר איך בין געגאַנגען — אַלט, געבויגן; ווי באַלאָדן מיט טויזנט בערג אַף מיין קאָפּ... אָ, ווי דערווידער איז מיר ערשט געווען — ד אָ ס לעבן, דער צוריקקער צום באַנאַלן שקר פון דער וועלט, — נאָכדעם וואָס מיינע אויגן האָבן אַלץ צוגעזען, און מיין קראַנק געמיט האָט אַלץ געטון איינ־זאַפּן אין זיך, אין איינע געציילטע טעג — אָן דאָרט, אין יענעם מיס־טעריעזן הויז, אַנטקעגן...; וועלכעס האָט זיך איצט געצייכנט, אַזוי העל־רעליעף, אַף דעם פאָן פונעם פרישן בלאָ־גאָלדענעם פרימאָרגן־הימל; אַזויווי געזוכט צו פאַרהוילן פאַר די פרעמדע נישט־געוואונטשענע בליקן פון דער דרויסנדיקער וועלט — אָט דאָס גאַנצע צאַרטע געהיימע, וואָס עס טוט זיך דאָרט אַלץ, אין צווישן יענע פיר ווענט, פאַרלויפן...

איך בין געגאַנגען שווער; ווי צו מיין גאָלגאָטאַ אַלציינס. מיר אַנטקעגן, אַף אַ וואַנט, איז אָנגעקומען — דאָס בילד פון דעם געקריי־ציקטן, וועלכער האָט גערופן נאָך זיך... און איך האָב, אַ לעצט מאָל, אין

מיפן יאוש, אומגעקערט דעם קאָפּ — צו יענעם הויז, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ אָנגעזען; צו אָט דער וועלט פון פיין און פון גלויבן...

...אָ, צי וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען?!.

ג.

יאָ; מיר האָבן זיך באַניים באַגעגנט; און נאָך — וויאַזוי... דאָס איז געווען — געציילטע וואָכן נאָכדעם, ווי איך האָב געהאַט פאַרלאָזט די סאַנאַטאָריע, און — אַלץ צוריק געבענקט אַהינצו; הגם, פון דער אַנדערער זייט, האָט די וואונד פון דעם אָפּערירטן מקום זיך גוט געהיילט; און אויך מיין אַלגעמיינער געזונט־צושטאַנד האָט זיך, (אַ וודאי, דאַדורך,) באַדייטנד געהאַט געבעסערט; מיט איין וואָרט, די אין־פלוג־געגאַרטע דערהאָלונג איז געווען אין פולן גאַנג. און דאָך; און אפשר — דווקא דערפאַר..., האָב איך מיך געפילט — נישט גוט. עפּעס האָט מיך ווי גענומען שרעקן — אָט דאָס ראַשיקע גלענצנדע געזונט־ווערן מיינס; וואָס טוט מיך, מיט גוואַלט, אָוועקרייסן דערוווייטערן — פון יענער אמתער איינציקער וואָר פון פיין; אָ, ווי עס טוט אין מיר גופא פאַרמויערן, פאַריגלען, פאַרחתמהנען אַף אַלע זיבן שלעסער — דעם איינציקן וועג אַהינצוצו, צו דער בלוטיקער וואָר פונעם זיין... און איך האָב אַזוי גענומען אויסקוקן אַף עפּעס — ניים, פלעצלעכס: וואָס זאָל אָט די צעשטערערישע ארבעט אין מיר פאַרהאַלטן, אָפּשטעלן, צו איר מאַכן אַ סוף... יאָ; איך האָב זיך געריכט דאַרויף; עס דערוואַרט...

— וואָס אַזוינס? וויאַזוי?..

אָ, פרעגט נישט; ווייל ד אָ ס האָב איך אַליין רעכט נישט געוואוסט. אַלץ פאַר מיר אַרום, און אין מיר גופא, איז אַצינד געווען — מטושטש, אומקלאָר, טונקל; און עס האָט אַזוויוי באַאומרואיקט; נאָר, אין איינער דער זעלבער צייט, האָט עס, באַגלייך, עפּעס געמאַניעט, גערופן אין ערגעץ צו זיך, צוגעזאָגט... און איך: וועלכער האָב, (זינט נאָך יענע לייטער־טעג פון פיין, פון מיינע שווערע איבערלעבונגען — דאָרט, אין דער סאַנאַטאָריע,) עפּעס אַזוויוי געהאַט פאַרלאָרן שוין דעם אָנשפּאַר, דעם גלויבן, דעם צוטרוי — צו אָט דער וואָר פון דער גאַנצער דרויסנדיקער טומל־וועלט, מיט איר שניידיק טאָג־ליכט און בלענד, האָפּערדיקייט און געזונט; און, דאַקעגן, אַלצמער גענומען זיך־אָנטרויען — דעם שטילן געהיימנישפולן וואַרעמען פליסטערן, וואָס רעדט אַף דעם געמיט, בלחש, ערגעץ אויס דער טונקל, און רופט נאָך זיך, אין צוזאָג...,

— יאָ, און איך, האָב, אַצינד, מיט מיין גאַנץ צאַפּלדיק אָרעם באַגערנד

האַרץ, אין אַט דעם רוף הײם־געגלױבט, װי אין אַ רעטונג אַ לעצטער אַ אײנציקער; נאָך אים זיך געצױגן; און װאָס אַ טאָג, אַלצמער אױסגע־לעכצטער, אַנגעסטלעבער, זיך־געשטרעקט, מיט פאַרמאַכטע, צי גאָר מיט אָפענע אױגן, אַנטקעגן; אים זיך־איבערצוענטפערן אינגאַנצן...

נאָכאַמאָל: װאָס איז דאָס געװען צו מיר, אַצינד? אָ, װער קען דען דאָס באַשײדן? װאָרום, שױן־זשע איז שױן דען, בכלל, קלאָר פאַר עמיצן: װ ע ר עס טוט אין אונזער זײן װירקן אַ ף װ ע מ ע ן? דאָס לײב — אַף דעם געמיט, צי פאַרקערט?.. טאָ, צװאָװאָס דאָס ראַיען־זיך, אומ־זיסט־אומנישט, אין דעם אײביק־אומענדלעכן; און נישט לאָזן ד ע ם: אַלײן, רעדן צו אונז, אַף זײן אײנציק־רײצנדער שפּראַך — דאָס לשון פון דער מיסטעריע?..

קורץ; אַריבער װינציק צײט דערנאָך; און איך האָב מיך עפּעס גע־נומען שפּירן, מיטײנמאָל, נישט מיט אַלעמען. װאָס אַ טאָג — ערגער, שטערנדער; אַלצמער באַלעסטיקונג. ביז װאַנען, צו אַט די אַלע סימפּטאָ־מען האָבן גענומען צושטײן — שאַרפע שנײדיקע יסורים, װעלכע זענען געװאָרן אומדערטרעגלעך...

חדש ימינו כקדם. דאָס הײסט: מיר האַלטן װידער באַ בראשית. עלײ, װי גאַרנישט ביז איצט איז דאָ געהאַט אָפּגעלאָפן... „...האָ, האָסט מיך גערופן, געבענקט נאָך מיר? נו, האָב איך דיר געטון צוליב און, אַף דײן אױסשליסלעכן פלאַמיקן רוף און באַגער, געקומען. אַזױ, טו איך תמיד — צו פרײנט, װאָס זענען מיך גערן; װאָס ליבן מיך אױפריכ־טיק... נו, זאָג, אַצינד: ביסטו צעפרידן? און, װי געפעל איך דיר, האָ?.. זאָג, מענטשנס קינד, דעם אמת; שעם זיך נישט...“

דעם אמת גערעדט, האָב איך מיך גראָד יאָ־געשעמט. געשעמט — פאַר זיך אַלײן; און פאַר דער פּײן, װעלכע האָט מיך, אָקאַרשט, דאָ גע־האַט צוגעדריקט צו דער װאַנט; אַזױ, אַז איך האָב איר נישט געקענט קוקן גלײך אין די אױגן אַרײן; נישט געהאַט איר, װאָס צו ענטפערן; און מיך געזוכט פון איר אַװעקצוקערן... נאָר, צי איז דען דאָס, איצט, שױן געװען מעגלעך? אַ באַװאוסטע זאַך: גרינג איז זײ, די גײסטער, ארױסצוטרעבעװען; נאָר, אַז עס קומט צום באַהערשן... אָבער, פון דער אַנדערער זײט, איז דאָס פּאָרט געװען מאָדנע צוצוקוקן — אַט די פאַרע־טערישקײט מײנע צו זיך אַלײן... און װידער האָט זיך איבערגעחזרט מיט מיר — דאָס אײגענע: געװען בין איך — פילאָזאָף, פלאַטער־קאָפּ, אַפּאָ־לאָגעטיקער און דעלירישער באַזינגער און לעכצער צו דער פּײן, — בל־זמן זי איז געװען פון מיר אָפּװעזנד; און איך האָב זי געליבט, צו איר געבענקט, און ממש אױסגעגאַנגען נאָך איר — אין דעם װאָרט, אין דער

ליטעראַטור, אין דעם פּרעגנאַנטישן דמיון, אין מיין קראַנקער אָנגעהיצטער פאַנטאַזיע; נאָר, קוים האָט זי זיך פּרעזענטירט צו מיר, אין דער וואָר, זיך־געלאָזט פילן מיט אַן אמת, מיך אָנגענומען און מיט מיר אַ רעכטן טרייסל דערלאַנגט, — אַזוי האָב איך גלייך פאַרלאָרן די פילאָזאָפיע, דעם פלאַטער־שוואונג, אַלץ מיט אַנאַנדער; אַזוי מיאוס־פּחדנותדיק, געגידערט פאַראַמאָל פון אַלע אָלימפּן; און געאיילט, ווי דער סאַמעלעצטער דריאַן, און מיט די יעלות ביז צום הימל, מיך פון איר אַרויסצודרייען... יאָ, דאָס איז אויך געווען — ריינער ברוטאַלער אמת; טאָ, צואוואָס — דאָס לייקענען?..

איך האָב, איצט, געקוקט, מיט שוידער, אין צורה דעם פרישן געשוויר אין מיין לייב...

„...זאָג: דו ווילסט באַניים גיין אונטערן מעסער?..“

און ער, דער ליבער האַרציקער געשוויר, ((דאָס הייסט, מיין פרישער לייבלעכער פריינט, וועלכער איז, אַצינד, (מיסתמא, אַזויווי יענער ערשטער, שוין־אָפּגעשיידט־פון־מיר־געוואָרענער־פריינט מיינער,) גרייט געווען, געווים, אַריינצולעבן, אינאיינעם מיט מיר, אין לייד און אין פרייד, העט ביז אין דער טיפער עלטער אַריין,)) דאָס־אויסהערנדיק, — האָט ער זיך אַזש אַ טונקל געטון, (אַזוי איז מיר פאָרגעקומען,) פאַר שרעק, אַ וודאַי; און ווי גענומען זיך־איינשרימפּן, נאָכלאָזן פון זיין צאָרן... אָ, פּונקט ווי יענער, דער ערשטער, (נישט פאַר אים געדאַכט,) אַזוי איז אויך ער, איצט און תמיד, געווען באַרייט אַף אַלץ צו טון פאַר מיר; זיך־שטרעקן, צו גיין און צו לויפן פאַר מיר — אין פייער און אין וואַסער; אַזוי היים אויפריכטיק טריי און אומפאַרינטערעסירט־זעלבסט־אויפאָפּפערנד, איז ער דאָס געווען אין מיר איינגעליבט און איבערגעגעבן צו מיר...; יאָ, אַלץ — פאַר מיינעטוועגן, און פאַר זיך אַליין — גאָרנישט, אויסער אָט די דאָזיקע איינע קלייניקייט — פון מיר נישט צו ווערן אָפּגעשיידט...

און ער האָט זיך נאָכמער גענומען איינקאָרטשען, איינקרעמפּעווען; אַזויווי אינגאַנצן נישט צו ווערן; זיך אויסצובאַהאַלטן אין אַ קליין ענג ווינקעלע, אין אַ פּינטעלע; נישט ציען גאָר לגמרי, מיט זיין זיין, קיין אויפמערקזאַמקייט; אַזויווי ער איז נישטאָ גאָר, נישט געוואָרן, פאַרשוואונדן... ווי איינער רעדט:

„...זע צו, אַדרבה, אַליין: ווי קליין איך בין, נישטיק, אומבאַדייטנד; וויפל אָרט איך פאַרנעם דען אינגאַנצן — גאָרנישט לחלוטין נישט; איז, אָט־אַזוי־אָ, שווער איך דיר צו, וועל איך ליגן איינגעלייגט; דיך נישט באַלעסטיקן אַף אַ האָר; קיין שאָרך, קיין דעך, קיין פּיפּס וועסטו נישט הערן פון מיר; וועסט אַפילו נישט שפּירן, נישט אָנהויבן חושד־צו־זיין:

אַז איך בין דאָ־ערגעץ פאַראַנען דאַנעבן; אַז איך דעכע, אַז איך זשיפּע, אַז איך עקזיסטיר... וואָס אַרט דיך? אַזוי טו איך דיר צושווערן פייערלעך; אַבי, לאָז מיך לעבן; אַ, קוילע מיך נישט; פאַרשנייד נישט מיינע יונגע יאָרן פון דער וועלט; לאָז מיך זיין לעבן דיר; אָטעמען דיין לופט, דיין אַראָמאַט; ווייל, איך בין שטערבלעך איינגעליבט אין דיר; איך בין — דיין; אַ, איך קען אָן דיר נישט זיין..."

אַזוי, האָט ער זיך געבאַכעט אין האַרץ אַריין, מיין נייער געליבטער געשווער; זיך געבויגן פאַר מיר אין דרייען, ביז צו דער ערד; מיר צו די פיס געפאַלן; געשוואווירן, געצאַפּלט, געקלאַגט, געיאָמערט; אַזש ער האָט געקאָנט רירן אַ שטיין, מיט זיין געבעט; אַז עס זאָל זיך פאַרט אַ טראַכט־טון: „...אפשר — דאָך?.."

נאָר, עס איז געווען גענוג, אַז עס זאָל זיין אַריבער — איין ווײַלע שפּעטער; אַז ער, דער האַרציקער געשוויר, האָט געמיינט, אַ וודאי: דאָס מע האָט אים שוין צורו־געלאָזן, מיט אַן אמת; אָדער, אַז איך האָב איינ־געדרעמלט, מיט מיין וואַכזאַמקייט איבער אים, צי וואָס; דאָס הייסט: אַז מע היט אים נישט מער קיינס זיינע שטיק, אים געלאָזן צורו, פאַר זיך... — און עס איז געווען כדאַי, איצט, אַ קוק־צו־טון, פלוצים, מיט פורכט און אויפטרייסל: אַ, ווי ער גייט זיך עס, ערשט, צעלייגן איבער מיר, מיט זיין טרייהייט און פלאַמיקער ליבע, אין דער לענג און אין דער ברייט, אָט דער געמיינער הינטישער פאַרעטער, ווי באַ זיך אין דעם איי־גענעם ווײַנגאָרטן; גרייט — מיך, איידער וואָס־וועגן, (דאָס הייסט, איי־דער איך וועל מיך כאַפּן, באַווייזן געבן רעכענונג) איינצושלינגען, פונויבן ביז אַראָפּ אינגאַנצן; מיך פאַרצערן, פאַרטיליקן, פאַרברענען... און דו, נאָך דעם אַלעמען, גיי פאַרלאָז זיך, האָב צוטרוי צו פריינט...

...אַ, היט מיך, גאָט, פון די פריינט מיינע...

און איך בין באַניים געוואָרן — שטאַליק־אומבויגזאַם־דעצידירט...

● ●

— דר. גאָלד!.. קוקט עס נאָר אָן...

ער האָט, איצט, געלאָזן־קוריעז, באַטראַכט דאָס פרישע אָנגע־שפּאַצטע בייז־וואונדער אין מיין לייב; און וועלכעס, (ווי מיר האָבן, אָקאָרשט פריער, געהאַט די געלעגנהייט צו דערקונדיקן זיך אַליין,) הגם, אין אָנפאַנגס — קליין, — האָט עס אָבער נישט פאַרלאָרן די האָפענונג און זיך געגרייט, מיט דער צייט, צו ווערן — גאָר גרויס; אַ, זיך געריכט און דערוואַרט גאָר־היבשעס, גראַנדיעזעס — אין דער נאָענטער, צי אין דער ווייטער צוקונפט; אַ מין — מאַשפּות ירים אביון, להושיבי עם

נדיבים, אַלציינס... און דער דאָקטער האָט אַלץ געקוקט אַף דעם אָפּגעדעקטן אָנגעדראָלענעם, ווי באַ־דער־האַנט־געפּאַקטן סוביעקט, וואָס פאַר זיך, און אים ערנסט געפּאָרשט... געווען אַף אים איז צו זען: אַז איינגאַנצן פרעמד זענען זיי זיך ביידע נישט; אַלטע, (כאָטש, דאַכט זיך, עטוואָס ווייטלעכע) באַקאַנטע; אין ערגעץ, (הגם — זעלטן,) האָבן זיי זיך דאָך וואו געהאַט באַגעגנט...

„...אָ, זאָג, ברודערקע, טשודאַק דו איינער; וואו מע פלאַנצט דיך נישט, דאָרט וואַקסטו; פונוואַנען האָסטו זיך עס, פלוצים, אויס דער העלער הויט, דערנומען?!.“

נאָר, באַלד האָב איך צוגעזען אַפן דר. גאָלד: ווי ער ווערט פאַרענדערט, ערנסט. דאָ האָט אַ רעד־געטון אין אים, (ווי אין מיר, ווען עס טרעפט) — דער שרייבער, מיט דעם ביסטורי; (דער אזמיל הבקורת...) און עס איז געבליבן:

— אַז מע זאָל דעם נפש משלח זיין, גלייך אַפן אָרט; ווען ער איז נאָך קליין; דאָס הייסט, איידער ער דערלעבט נאָך אויסצוואַקסן, שלאָגן וואָרצלען אין דער טיף; אָ, דאַן, ווען עס קען נאָך, מיט אַן אמת, ווערן — צו־שפּעט...

און איך, בין גלייך געוואָרן גרייט...

● ●

דאָס מאָל, (ליתר עקאָנאָמיע וועגן; ווייל געקומען איז דאָס גאַנצע עסק פאַר מיר אומגעריכט, און אַזוי ווי די ערשטע אָפּעראַציע האָט מיך היבש געלאָזן אויסגעביילט,) איז געבליבן באַ מיר מיטן דר. גאָלד: אַז איך זאָל מיך לאָזן אינטערנירן אין אַ מוניציפּאַלן שפּיטאָל; טאַקע, אין דעם זעלבן, וואו ער האָט געאַרבעט, אין דער כירורגיע־אָפּטיילונג, אַלס שעף פון אַ זאַל... דאָס איז, אַגב, געווען פאַר מיר — באַזונדערס־אינטערעסאַנט. אַ נייער אַמביענט; נישט ווי אין די רייכע, צי אַפילו עקאָנאָמישע סאַנאַטאָריעס, וואוהין עס קומען זיך קורירן מענטשן, מער־ווייניקער פאַרמעגלעכע; מיטלשטאַנד. ניין. אַהער, אין די שפּיטעלער, גייט — דאָס סאַמע־נאַקעטע עצם פאָלק אַליין; דר. גאָלד דעם דיכטערס היים־געליבט פּשוט פּרימיטיוו גוט האַרציק פאָלק...; און מעגלעך, אַז אויך די קראַנקנשוועסטער, (וואָס ווערן, אַ וודאי, פון עמיצן זאָרגפעלטיק צוגעקליבן אַהער, פאַר דער באַדינונג,) זענען, (ווייל זיי זענען מ ח ו י ב דאָס צו זיין; אַנדערש, מסתמא, וואָלט עס נישט אויסגעהאַלטן...,) מיטן גייסט, מיט דער זעל, פיל נעענטער, (איידער ווי יענע איידעלע מיידלעך, דאָרט, אין די סאַנאַטאָריעס,) צום פאָלק. טאָ, וועט עס זיין, איצט, ווי געזאָגט,

(אַדרבה, בּאַ דער דאָזיקער געלעגנהייט.) באַזונדערס וויכטיק פאַר מיר — דאָס אַלץ, מיט די אייגענע אויגן, אָנצוקוקן...

און איך האָב געאײַלט, מיך באַניים אײַנצומעלדן — אומפאַרזאַמט.

אויסגעפאַלן איז עס גראַד — אין אַ טאָג פון אָפּעראַציעס, אין ד ע ם שפּיטאָל; און אין געציילטע שעות אַרום, (און נאָך דער געהע־ריקער פּאַרבאַרייטונג,) האָט דר. גאָלד, באַנאַנד מיט זיינעם אַ געהילף, ווידער מיך גענומען אונטערן מעסער; דאָס מאָל, זייער לאַנג און שווער, זיך געעסקט מיט יענעם געפערלעכן געשוויר; ביז וואַנען ער האָט, ענד־לעך, באַוויזן אויך אים אויסצורייסן אויסברענען מיטן בלוטיקן וואָרצל פון מיין גוף. נאָר איך אַליין, דער חתן־דמים, דער סאַמע בעל־דבר אַף אַט דער בלוטיקער שמחה, האָב עס, אַצינד, (אַ וודאי, ווייל שוין נישט דאָס ערשטע מאָל,) פאַרטראָגן רואיקער; מיט מערער אָנפּאַרטרוי פון דעם אָרעמען חומר מיינעם, איצט, אין די הענט פון מיין נייעם פורעמער, דעם יוצר... ביז, צולעצט, אַלץ איז ווידער געווען צו־ענדע; איך האָב מיך באַניים געפונען אַף מיין בעטל, א י ן י ע נ ע ם ז א ל — אַף אָפּרו, קוראַציע, אַף דערהאָלונג; מעגלעך — אַ וואָך, מעגלעך — מערער; און ערשט — האָט זיך עס אָנגעהויבן...

• •

וואָס איז דאָס געווען אַזוינס? אַן עפּילעפּטישע האַרציקע גרויל־אָרגיע, אַ צעהיצטע וואַקכאַנאַליע, אַ מיראַזש, אַ בייז־וואונדערלעכער קאָשמאַר, אַ האַלוצינאַציע?!. ווייס איך נישט... עס איז געווען — דאָס פאָלק; דאָס סאַמע ברוטאַלע, פּרימיטיווע, גראָ־ערדישע שטיק־ביאָלאָגי־שע לייב פון דער וועלט... איר הערט? איך ווייס אפילו נישט: צי דאָס אַלץ האָט פּאַסירט, מיט אַן אמת; אָדער עס האָט זיך מיר בלויז אויסגע־ברעדיעט אַזוי... נאָר — אַזוי, צי אַנדערש, — וועל איך עס איבערגעבן...

איך האָב מיך געשפּירט — ווי אַריינגעפאַלן אין אַ בראַנד־פּאַסטקע, אָן אַנטרינונג... אַרום מיר, זענען געווען צעלייגט אין די בעטלעך — מענטשן פון פאָלק; עלטערע, מיטל־יאָריקע, סאַמע יונגע; און מע האָט געליאָרעמט, געפּילדערט, געפּלוידערט, געגוואַוניאַזשעוועט, געלאַכט, געשפּעט, געגאַוועדט, געחוזקט, געזונגען, זיך געגאָרגלט, געגוידערט, גע־פּאַסקודיעט, געמיסטיקט אונטער זיך; זיך באַליידיקט קעגנזייטיק; זיך אויסגעזידלט און אַריינגעבראָקט איינס דאָס אַנדערע — וו אָ ס אין דער קאָרט; און באַלד דאַרויף, (גלייך ווי גאָרנישט האָט דאַ אָקערשט

געהאַט פּאַסירט,) זיך ווידער האַרציק געאייניקט — אין פרישן שפּעט־געלאַך פון אַ צווייטן, פון אַלץ און אַלעמען; פון פייפן אַף דער גאַנצער וועלט, על השם ועל משיחו — און טו זיי עפּעס... דאָ זענען געלעגן מענטשן פרעמדע אַזויפיל; אין פלוג, זיך־גאַרנישט־אַנגעהעריקע איינאַנדער; און איטלעכער — מיט זיין ווייטיק, מיט זיין וואונד, אָפּעראַציע, זאָרג און פּיין; און דאָך, (האָט עס אויסגעזען,) זענען זיי עפּעס פאַרגעקומען אַלע — אַזוי בלוטיק־געאייניקט; ווי געקנאָטן פון איין שטיק רויע טייג, איין לייב, איין זעל; עפּעס אַזויווי אַ היים־צעהיצטע פאַבלהאַפטע פּרע־היסטאָרישע אור־פּרימיטיווע מאָנסטעריעזע אויסטערלישע בעסטיע — וועלכע דרעבעט, מיט איר צערפּעטן פּיסק און אַרויסגעשטרעקטער רויט־שפּעטנדער צונג, און זי גאַוורט און כראָקעט אַף דער גאַנצער ערד... יאָ, אַזוי האָט זי זיך געטון פּרעזענטירן, יענע נאָמענלאָזע מאַסע־שטיק־ביאָלאָגיע פון דעם פאָלקס־אַנאָנים. אומבאַדייטנד, אומוויכטיק: צי איינעם רופט מען, מיטן נאָמען — אַ ז ו י , צי אַנדערש. אַלע זענען זיי — יונג און, באַגלייך, אַלט ווי די וועלט. אַלע זענען זיי — שטוינענד־ענלעך איינס אַף דאָס אַנדערע, אין אַלץ, אין אַלץ... עפּעס אַזויווי אַ ביאָלאָגיש־רעטזועלהאַפטער, אייביק־לעבנדער מאָנסטער; איין בלינד פלאַמיק בלוטיק ים־האַרץ, מיט אומצייליקע — אין פלוג, באַזונדערע קעפּ: וואָס, ווען עס ווערט אָפּגעהאַקט באַ אים (עס שטאַרבט) איינער פון זיי, — אַזוי שפּראָצן גלייך אויף אָן־אַ־שיעור אַנדערע (קעפּ) אַף זיין אָרט... יאָ, זיי אַלע — איין שטיק קאָכיק ביאָלאָגיש אָנגעהעצט לייב; און איין זאַפּטיקע שטיק אַלגעמיינע זעל; ווי אַ מין אויפגעגאָסענע אויפגעקלעפּטע אויסגעקנאָטענע שטיק מאַסע־קויט, מיסט, שטיק מאַסע־אָפּפאַל; און אַט דאָס־אָ איז מחויב־געווען צו זיין, אין פלוג — די מאַסן־זעל, די אוניווערסאַלע, די מענטשהייטלעכע... עד, אָט דאָס קויט, דאָס דעמפּנדע, דאָס פּאַרנע, וואָס מיסטיקט אונטער זיך; און דאָך, אין איינער דער זעלבער צייט, (ווי מיסטיש־אומדערקלערלעך־מיסטעריעז דאָס זאָל נישט פאַרקומען,) טוט עס באַמיסטיקן, באַזאַפּטיקן, פעט מאַכן — אַלע באָדנס, אַלע פעלדער, אַלע הערצער פון דער וועלט; איז עס, איבעראַל — דער וויין, דאָס חיות, דער מאַרך פון די ביינער, די זיסע טרייסט, די האָפענונג, די קראַפט, די מאַכט, דער אָנשפּאַר, דער אומבאַרירטער קוואַל פרייד, דער אומויסשעפּלעכער פלאַמענדער גלויבן; מיט איין וואָרט — די קינדיש־לעגענדאַרישע וואָר־אילוזיע פון טויזנט און איין וואונדער; פון דער שטוינענדסטער רעוועלאַציע; און פון אַלע, (אָן אויסנאַם — אַלע,) איבעראַשנדיקסטע מעגלעכקייטן... היינט, און נאָך דעם אַלעמען, — גיי פאַרשטיי עס: וואָס דאָס באַטייט אַזוינס...

דאָ, אין ד ע ם זאַל, איז געלעגן דאָס סאַמע־גראַע, מיט גאַר־

נישט (אין פלוג) זיך־אויסטיילבארע פאָלק, דאָס קינד; וואָס האָט נישט געהאַט, מיט וואָס זיך־איבערצוגעמען: נישט, מיט חכמה; נישט אַפילו, מיט מאַטעריעלער מענטשלעכער עשירות. אָ, דאָס איז געווען דאָס סאַמע־אָרעמסטע פאָלק אליין — אין אלץ; אַ ברוטאַלער מאַסע־געמיש פון ראַסן און אומות — שפּאַניער, איטאַליענער, און אייגענע; און איטלעכער, ווי דערמאָנט — אין געהאַקטע געבראָקטע צרות, זיך געמאַטערט אַפן טויט, מיט זיין פּיין, מיט זיין וויי; און דאָך, — האָט מען אָנויפהערלעך צוגעקוואָלן־אָנגעקוואָלן — פון אייגענער פּיין, און פון נישט־אייגענער, אַלציינס...

„...עך, ס'איז גאָרנישט ווערט. וואָס איז דען אַ אָפּעראַציע אינ־גאַנצן? אַ אינטערווענץ פון פּיין — אין דער אייביק־לעבנדער פאָלקס־ביאָלאָגיע פון אַנאָנימע מיליאָנען; אין אָט דעם אַלמעכטיקן אומבאַזיג־באַרן איבערגעקנאָטענעם אויפגעקאָכטן לייב־ים פון דעם לעגענדאַרישן מיסטעריעזן פאָלקס־אַנאָנים; הייגט, טאָ וואָס פאַר אַ האַפט קען עס דען האָבן?..“

אזוי האָט עס געלאַכט דאָרט, דאָס קינדישע פאָלק, קרעפּטיק גע־זונט סאַטיריש ברוטאַל, פריי אומגעשטערט, אָ, פון אַלע איידעלע צערט־לעכע צירונג־באַפּוצונגען, גלויבונגען, וואָס מע האָט, (ווער פונדרויסן, פרעמדע,) געזוכט אַף דעם אָנצוהענגען, אָנצושטעקן, עס אויסצירן, פיינ־מאַכן, לייטיש, אַרטיק, אָנשטענדיק, שיין. ניין; ד אָ ס האָט זיך, אומ־פאַרשעמט, אַרויסגעמאַכט זיך־אָפּגעטרייסלט פון דעם אַלעמען; אויס־געלאַכט גראָב, און מלא־חנוודיק־אָנשטעקנד נאָכגעקרומט און אימיטירט איבערגעקרומט — אָט די אַלע געשליפענע פּרעדיקטן: וועגן צאַרטע הע־כערע גלויבנס אין איידעלע געטער; און אַליין, (אַפן אָרט פון דעם אַלעם,) אַרויסגערוקט, אויפגעשטעלט און דערהויבן: אַ אייגענעם אומגעהובלע־וועטן קויט־פּרימיטיוו־צעשטראַלטן קינדישן היידנישן אָפּפּאָל־גלויבן! — אין זיך־גופאַ; אין דער מאַסע; אין דעם אייגענעם האַרץ; אין דעם אייגע־נעם קאָכעדיקן שמעקעדיקן בלוט פון דעם קינד־פאָלק זעלבסט; וועלכעס איז אַליין — די גאָט־בעסטיע, די נאַטור...

אזוי האָט דאָרטן געאָטעמט, געזשערעט, גערעכעט, געלאַכט און גע־גלויבט געזונגען די אַלגעמיין־פאַרקנאָטענע אינעם קויט — מענטשלעכע פאָלקס־בעסטיע. אַלגעמיינער אָפּפאָל. אַלגעמיין מיסט. אַלגעמיין שפּעט־געלעכטער. אַלגעמיינע געשטאַלטלאָזע ברוטאַלע הייטערקייט. אָ, און אַלגעמיינע אינטענסיוו־צעקאָכטע הינטער־וועלטישע עראָס־צעפּלאַטער־טע קעלער־טעטיקייט...

און אין זיי, אינצווישן, אינדערמיט — ווי מיט מעכטיקע שטריק איינגעפלאָכטן, ווי פולבלוטיקע און אימער־בלוטנדע זאַפט־אויסטיילנדע

מאָנסטעריעזע האַרמאָנען אַלציינס — אָ, די ברוטאַלע אומדערבאַרעמדי־קע יעזוסדיקע קרייציקונג פון די אַלע שוועסטער, (אַליין, אויס דעם סאַ־מע־פּרימיטיווסטן פאָלקס־שטאַנד־שטאַמיקע) די באַרמהאַרציקע; אין זייער אַבנעגירונג, פולשטענדיקער זעלבסט־ניוועלירונג; נייערט, אַבסאַ־לוטער רעדוציִרונג אויסגלייכונג מיטן שטויב פון דער ערד... אָ, קוקט אייך צו: וויאַזוי זיי אַלע הערן־אויף צו זיין — „איך", אייגן, געשטאַל־טיק, פּערזענלעך; נאָר, ווי אין זייער זיך־טון־מטפּל־זיין, אומאויפהערלעך, אין אָט דעם אַלגעמיינעם כאַאָטיש־צעקאָכטן באַהעפטן אויסגעקנאָטע־נעם אָפּפאַל פונעם פאָלק, — ווערן זיי, מיט דער צייט, בהדרגהדיק, אַליין א י ן ד ע ם אַריינגעזויגן; אַלגעמיין־קויטיש; מעכטיק־פאָל־קיש־אַלגעמיין־מענטשלעך־צעקנאָטן־אַריינגעקנאָטן; און מיט אַלע זייערע קרעפטיקע גלידער, איר הערט, איבערגעקנאָטן — אין עפּעס נייע אַזעל־כע מאָנסטעריעזע גריילעכע פאַבלהאַפטע מענטשהייט־וועזנס, פאָלקס־וועזנס, אָפּפאַל־וועזנס; אָ, עפּעס אין אַזעלכע לויטערע פאָלקיש־הייליקע, מאַסע־אָפּפאַל־גלאַנציקע העל־ליכטיק־צעשטראַלטע וועזנס; שמעקעדיקע דופטנדע, ווי דער איידלסטער מענטשלעכסטער פּאַרפום; טאַקע, ווי דער הייליקסטער, קינדיש־אומשולדיקסטער דעמפּיקער פאָלקס־אָפּפאַל אַלציינס; אָ, וועלכער איז — דער אייביקער בשורה־סטימול, דער רוי־טער בלוטיקער גלויבן. די אומבאַזיגבאַרע טיטאַנישע קראַפט, דער אומ־דערשעפּלעכער קאָכיקער קוואַל פון מוט און העראָישער אמונה: אין איך־געשטאַלטלאָזער, איך־אידייענלאָזער, איך־עגאָ־אויפגעלייזטער, נייערט — אין אידעאַל־אַלגעמיינער, איבערגעשמאָלצענער, איבערגעגאָסענער, איבערגעקנאָטענער, ים־צעזאָדענער־איבערגעפלייצטער איבער אַלע ברעגן און פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן — אייביקער אומשטערבלעכער מאַסע־פּאַטענץ...

מיט איין וואָרט: דער אומדערשיטערלעכער טונקל־נאַכטישער קאָ־בעדיק־כאַאָטישער קינדיש־נאַקעטער מאַסן־גלויבן — אין זיך־גופא; אין דעם אייגענעם קוואַל; אין דער אייגענער פולבלוטיק־פאָלקיש־היידנישער גאָט־בעסטיע...

...אָט אַזוי האָט זיך אויסגעטון און אָפּגעדעקט דאָס אומשטערבלע־כע אייביקע פאָלק פון דער וועלט — קינדיש, אויפריכטיק, אומשולדיק, אומבאַרירט, נאַקעט ברוטאַל — דאָרט, (ווי אומעטום, אין דעם לעבן;) דער עיקרשט — אין די נעכט; וואו נאָר מע האָט ד ע ם נישט גע־שטערט...

...נאָר — ניין; מע האָט ד ע ם י אָ געשטערט. אומעטום, איז אויפגעגאַן — דער באַגין, דער פרימאָרגן, געקומען דער טאָג; און מיט דעם באַנאַנד: דער דורכברוך, דער דורכשלאָג — פון א א י ד ־ אידעאַל;

פון אַ גאָט אַ העכערן, אַ פאַרשטעלטן, אַ דיספּראַזירטן... און באַטייט האָט דאָס פאַר דעם קינדישן בלינד־האַרציקן פאָלק — אַ שלייער צו דער נאַקעטקייט; דערציִונג, קולטור, גייסט, ליכט, פאַרשטאַנד...

...אַזוי האָט משה געזוכט, אין זיין שלאָפלאָזער נאַכטישער בלוטנ־דער איינזאַמקייט פון אומענדלעכן וויסטן מדבר, זיין סובלימירטן עק־זאַלטירטן גאָט פון — כי לא יראני האָדם וחי; ביז עס האָט איינגע־בראָכן דער גאָלדענער באַגין; און ער האָט, אין זיין אומבלאַנזשען, אומ־געריכט אָנגעטראָפן — אַ אַנאָנימע פאָלקס־מאַסע; וועלכע איז זיך גע־זעסן, צעלייגט־בהרחבה, און געטון אירע צרכים, גאַנץ־געשמאַק, פאַר דער שיין פון דער אויפגייענדער זון... און אַ פאַרצאַפּלטער, האָט ער אויסגעשריגן:

— וכסית את צאָתך!...

...נאַר, צי האָט עס דען געהאָלפן?

...אין דעם קאָכיקן היידנישן קויט־אַפּפאַל, אין דעם ליבע־ים פון דער מאַסע, אין דער צעזאָרגנער פּרימיטיווער געטלעכער ל יי ב־א יי נ י ק יי ט פון פאָלק, — האָט זיך געשפּיגלט, ווערסוס, אין די הימלען — די געטלעכע א י ך־(אָ נ ו כ י)־א יי נ י ק יי ט פון אַ איינזאַמען משה...

...כי לא יראני האָדם וחי: אַ גאָט, וועלכער איז — דער אויפליי‌ז פון אַלץ, א י ן ד ע ם ט ו י ט, — טרעט אויף, אין פאַטאַלן גע־ראַנגל — קעגן דער פאָלקישער היידנישער גאָט־בעסטיע פ ו ן ל ע ב ן...

...איז, כאָטש משהס אידעאַל איז העכער: פּנים אל פּנים, אויג אויף אויג מיט גאָט, מיטן טויט, — איז אָבער דאָס פאָלק, (אָט דאָס אייבי־קע קינדיש־עקזאַלטירט־אומבאַרירבאַרע, דאָס אומפאַרענדערלעך־בלוטנד־קאָכיק־גלויבנדע — נישט געקוקט אויף אַלע שטורעמס, אויפטרייסלונגען, וועלט־צערודערונגען, דעקאַדענץ — אין אַלע גוטע ליכטיקע התחלות פון דעם אייביקן זיין; דאָס פאָלק — די איינציקע ערשטע און לעצטע איי־ביקע טרייסט, דער אָנשפּאַר, אין אַלע צייטן פון פאַרצווייפלונג, פון שטאָק־פינצטער, פון נאַכט; יאָ, איז אָבער ד אָ ס פ אָ ל ק) — דער אָנפאַנג; דער ערשטער איינציקער יסוד; דער קוואַל; דער ים; דער כ אַ אָ ס־ב ר א ש י ת פון אַלץ; אפילו פון די הימלען; אפילו פון גאָט...

● ●

און ענדלעך, בין איך, אין איין באַגין, אויך פון דאָרט אוועק; ווען

דאָס פאָלק, (אַט די אומשטערבלעכע היימ־געליבטע אינספּיראַציע פון מיין חבר דעם דיכטער דר. גאָלד — וועלכע איך האָב אַצינד געהאַט דאָס גליק צו דערקענען, כאָטש אַף אַזויפיל,) האָט זיך שוין גענומען וועקן צום טאָג...

...נאָר: צי וועט עס ד אָ ך אַמאָל אויפשטיין, דערוואַכן? און וויבאַלד אַז יאָ, — אָ, צי קען מען זיך ערשט אויסמאָלן, קינדערלעך האַר־ציקע — ווּ אָ ס, דאַן, שרעקהאַפט־גראַנדיעזעס, עס וועט זיך עס אָפּ־כּוֹן אַף דער וועלט?!.

נאָכוואָרט

צוויי פּאַראַלעלע ליניעס שטראָמען צו דער אומענדלעכקייט...

א) איבער די וועגן פון לעבן שטראָמען צוויי פּאַראַלעלע ליניעס פון געשעעניש — צו דער אומענדלעכקייט. איין ליניע איז — אַן עמאָציאָנעלע; און אירע געשעענישן פליי‌צן און רייצן — אונזער האַרץ. די אַנדערע ליניע איז — אַ אינטעלעקטועלע; און אירע געשעענישן רופן די אויפמערקזאַמקייט און רעגן אָן — אונזער מוח.

איז, כאָטש די צוויי ליניעס נעגירן איינע די אַנדערע, באַרירן זיך נישט, באַגעגענען זיך נישט אין ערגעץ, טוען זיך קעגנזייטיק קאַטעגאָריש אויסמיידן, — איז אָט דער אופן זיין זייערער, אייגנטלעך — זייער באַגעגעניש; זייער אויסטיילן און אָנזעען־זיך, איינע אָפּ פּאָן פון דער אַנדערער, ווי איין גאַנצעס אַלציינס...

ב) ווען דער גאַנצער דור איז זינדיק, — איז די אויפגאַבע פון דעם גערעכטן: נישט — בלייבן ריין: וואָרום, ווען, מיט ז יי ן אָנבליק, שטעלט ער אַרויס דעם גאַנצן דור פאַר זינדיק, — הייסט עס דאָך, אַז ער איז — אַ פאַרברעכער; ווייל ער האָט נאָר — ז י ך אינזינען, נישט — די וועלט; בעת די ליבע צו מענטשן איז מחייב: זיך מקריב־צו־זיין, און זינדיקן — אפשר מער נאָך פון אַנדערע, כדי מיטדערמיט, מליץ־יושר צו זיין: ווייל, אם באַרזים נפלה שלהבת, מה יעשו אזובי הקיר?...

אזוי, מוז מען אָפּט אין לעבן דערשטיקן די העכערע אַבסטראַקטע איינציק־ריכטיקע אמתדיקע מאָראַל, (אַ שטייגער, ווען אַ ז י ווערט נכשל,) צוליב דער קאָנווענציאָנעלער, דער אַנגענומענער, עס הייסט, דער פאַלשער: כדי צו פאַרמיידן אַ טראַגעדיע, פּיין. און ערשט דאָס איז — די עכטע, די ריכטיקסטע מאָראַל: וועלכע לאָזט נישט אויס פון אויג, קיינמאָל — דעם לעבעדיקן מענטש. ווייל, נישט דער זיג פון דער מאָראַל־אין־זיך איז דער עיקר, — נייערט — פאַר, און נאָך אַלעמען — דער זיג פון מענטש.

ג) ווען מע דערגייט צו דער אַנגערייפטער שטופע — פון אַ צעשפּאָלטן געמיט, — דאַן נעמט אַלץ געשעען — א י ן אונז, און נישט — מ י ט אונז. עס הייסט: אָנשטאָט מיר זאָלן איבערלעבן עפּעס — אומ־מיטלבאַר, — לעבט יעדע טייל פון אונזער צעריסן געמיט אין אונז איי־

בער דאָס געשעענע — אַנדערש. אין פֿאַל פֿון אַ אומגליק: בעת דאָס הארץ לעבט עס איבער — זיך־באַטייליקנדיק, בלוטנדיק, — ווערט אייליק דורך אונז אַרויסגערופֿן אַף אַבסערוואַציע — דער הויז־מעדיקער, דער היים־אַרצט, דער מוח; און ער נעמט איבערלעבן דאָס געשעענע — נאָכדענקענד. ער באַאָבאַכטעט די אָפֿענע בלוטנדע וואונד פֿונעם הארצן; און ער טרעט־צו: צו צוימען דעם ווייַ, טאַמפּאָנען דאָס בלוטן, נישט־דערלאָזן קיין אויסברייטערונג.

ד) ווען מע פֿאַרלירט עמיצן, וואָס איז אונז טייער, דערזעט מען: ווי עס פֿאַרשווינדט פֿון דעם אויג — דאָס פֿאַרגענגלעכע פֿון אים, כדי עס זאָל קענען אויפֿבליען אין אונזער געמיט, (אומגעשטערט פֿון יענעם,) — פֿון אים דאָס אייביקע.

ה) די שרעק אין אונזער געמיט — טאָמער וועט דער קראַנקער פֿריינט שטאַרבן, — איז, אין דער טיף — די שרעק פֿאַר אונזער אומרו, מיט דעם, וואָס דער פֿאַל טוט זיך פֿאַרציען, קאָמפּליצירן. ווייל מיר בענקען — צו רו, טויט; און מיר קוקן אויס, דאַרום: אַז — אַזוי, צי אַנדערש — זאָל עס נעמען אַ סוף.

ו) אָפֿט, שטאַרבט אין אונזער ביאָלאָגיע אַ געפֿיל, (לאָמיר זאָגן, אַ ליבע צו אַ פֿרוי,) און בלויז אַ צופֿאַל, (די צעשיידונג, אָדער אַ באַגעגעניש מיט אַ אַנדערער,) לאָזט עס אונז וויסן. אין קעגנטייל, קלעפּט מען רוטינירט צו איינאַנדער, און מע גיט זיך נישט קיין רעכענונג.

און דאָס זעלבע גייט־צו אין אונזער ביאָלאָגיע, אין פֿאַל פֿון פֿאַרגיין אין בליונג פֿון אַ ניי געפֿיל. מיר וועלן נישט אַנען דערפֿון פֿריער, איידער עס וועט אונטערקומען דער צופֿאַל.

ז) די אייביקע תפיסה: די גלוסטעניש פֿון מאַן צו דער פֿרוי איז, אין דער ווירקלעכקייט, די גלוסטעניש צו דער פֿרוי — אין זיך; עס הייסט, די גלוסטעניש — צו זיך. אַזוי אויך די גלוסטעניש פֿון דער פֿרוי צום מאַן איז, אין דער ווירקלעכקייט, די גלוסטעניש צו דעם מאַן — אין זיך; עס הייסט, די גלוסטעניש — צו זיך זעלבסט. דאָס איז — נאַטור, פֿון וועלכער עס איז נישטאָ קיין אַנטרינונג. ווייל פֿון זיך גופֿא קען מען נישט אַנטלויפֿן.

ח) אַזוי גוט, ווי נאַגעל און מינוטאַ, איוואַן קאַראַמאַזאָוו און סמערדיאַקאָוו, אינטעלעקט און געפֿיל זענען, אין זייער רים, דאָך — צוויי העלפֿטן פֿון איין גאַנצעס; וועלכע וויסן, איינס באַ דאָס אַנדערע — אַלץ; און (בעת אין זיי ביידן שפּיגלען זיך באַגלייך, הגם פֿ אַ ר־ש יי ד ן — פֿון ערגעץ, געשעעניש, באַפֿעלן....) זוכן זיי זיך אַרום, אין ליבע און אין האַס: הן — זיך קעגנזייטיק צו דערגאַנצן, הן — זיך־

קעגנזייטיק צו צעשטערן און אויס־אַנאַנדער צו באַפרייען, — אַקוראַט אַזוי, זענען צוויי העלפטן פון איין גאַנצעם — מאַן און פרוי.

נאָר, בעת זי איז, (פונקט ווי סמערדיאַקאָוו, ווי מינוטאַ,) — נשמה־גייסט־לאָז; זי בלייבט — גאַנץ, אין איר געמיט; און איר דראַנג־רים צום מאַן־אין־זיך איז בלויז — אַ מאַטעריעל־ביאָלאָגישער, אַ גייסטלאָזער — איז ער, דער מאַן פון גייסט, (אַקוראַט ווי נאַגעל, קאַראַמאַזאָוו, אינ־טעלעקט,) — צעריסן אין גרונט, טאָפל; און פרוי־אין־אים זוכט: אים צו פאַראַטן; און צעעפענען די דאַמבע — פ א ר א י ר, דעם שונא פון דרויסן...

יאָ, איז — נאָר דאַדורך, קאָן דערקלערט ווערן: דאָס אַנען, יעדער איינער, וואָס באָם אַנדערן אין געמיט טוט זיך. מע טוט אַלץ לייענען — באַ זיך...

ט) די אויסערלעכע האַנדלונגען פון דער מענטש־ביאָלאָגיע זענען בלויז — צופעליקע, לויט אָרט און צייט; און זיי זענען — אַ רע־זולטאַט פון די אייביקע אינערלעכע איינציק־ווערטיקע פאַסירונגען: די אומרואיקע פולסירונגען, שטראָמונגען אין דער נאַקעטער ביאָלאָגיע — אין זייער בלינד־מאַטאַרישן דראַנג צו רו, טויט, אויפלייז.

יאָ, איז אָט דער אינערלעכער מאָטאָר, אין זיין אָנבאַהעפטונג צ ו ד ר ו י ס ן, טרייבט אומעטום אַ אַנדערע היסטאָרישע פאַסירונג, לויט דער צופעליקער, ווי געזאָגט, געשיכטלעכער (עס מיינט, לויט דעם אָנ־וואוקס פון שיכט,) צייטלעכער און אָרטיקער פאָרם...

אַזוי, למשל, איז קלאָר — וועגן געניאַלע וויסנשאַפטלער, פּאָלי־טישע און מיליטערישע פירער: אַז ווען איטלעכער פון זיי וואָלט גע־רייפט — אין די אויסערלעכע סאָציאַלע אומשטענדן פונעם צוואַנציקסטן, — וואָלטן אויך זייערע ראָלן־אויפטריטן אין דער געזעלשאַפט געווען — אומגעביטענע; בעת דער טיפער אינערלעך־ביאָלאָגישער אומרו אין ביידנס געמיט וואָלט אַלץ פאַרבליבן — איינער און דער זעלבער בלינ־דער טריב־דראַנג צו דורכלעבונג און אַריבער צו אייביקער רו אין אויפ־לייז...

י) דער לעבנס־שטראָם פון (אין) דער מענטשלעכער ביאָלאָגיע ציט זיך — אין שטרענג־הערמעטיש־איינגעשלאָסענע־אין־זיך המשכים, (ווי דורכגעפלאָכטענע־דורכגעקרייצטע קאַפיטלען פון, אין פלוג, צוויי באַזונ־דערע, לחלוטין־אומאָנגעהעריקע צווישן זיך, געשיכטן, אין איינעם און דעם זעלבן בוך; וואו, ערשט צום סאַמע עק, באַ זייער אומגעריכטן צו־פאַלן איינס צו דאָס אַנדערע, קומט אויף פאַרן בליק — זייער גראַווי־טאַציע־באַנג, די גאַנצע צייט, צו איינאַנדער;) יאָ, איז, אַזוי אויך, דער לעבנס־שטראָם וכ"ו ציט זיך אין שטרענג־הערמעטיש־איינגעשלאָסענע,

איטלעכער אין זיך, המשכים: פון נאכט־כישוף צו נאכט־כישוף, און פון טאג־ליכט צו טאג־ליכט; עליי — באזונדערע לחלוטין־פרעמדע עקזיס־טענצן צוויי, אין איינס; אבער איטלעכע עקזיסטענץ — מיט אירע איי־גענע פליכטן, זארגן און התחייבותן — נאר לגבי איר אייגענעם המשך, און נישט מער... אזוי, למשל, איז באוואוסט, אז — תלמיד חכם, שעשה עבירה בלילה, אל תהרהר אחריו ביום: ווייל דער טאג, (מיט אלע פליכטן און התחייבותן דערוועגן) ציט זיין המשך — נאר פון א פריערדיקן ט א ג, און נישט פון א פריערדיקער נ א כ ט; און אקוראט אזוי א, האלט ער אן זיין המשך, אויף להבא, (מיט אלע פליכטן און התחיי־בותן דערוועגן) — נאר לגבי א ווייטערדיקן ט א ג, און נישט לגבי א ווייטערדיקער נ א כ ט ... און גענוי דאס זעלבע איז חל — אף דער נאכט...

עס ווערט, דארום, אין פלוג, שלעכט נאר דאן: ווען די פאסירונגען, די ווארן פון נאכט, צי פון טאג, נעמען אויספלייצן, ארויס פון די אייגע־נע ברעגן, אריינדרינגען אין פרעמדנס תחום, שטערן און אפרויבן איינס בא דאס אנדערע — שטח, אטעם, לופט. דאס געשעט: בא שינה של שחרית, ווען מע שלאפט שפעט אפן טאג, און מע בארדרעמלט דאס טאָ־גיקע ליכט; אדער פארקערט, ווען מע וואכט שפעט בארדערנאכט, און מע צעוועקט און מע צעדרייצט די נאכטיקע ווארר...

דער טאג און די נאכט, אין דעם ביאלאגישן זיין פון מענטש, זע־נען, אין פלוג, צוויי באזונדערע שטראמען, צוויי פאראלעלע ליניעס, וועלכע לויפן און טוען זיך קיינמאל נישט אנשלאגן; אזוי, ביז דער אומ־ענדלעכקייט...

און דאך, הייסט עס: אז זיי זענען פאטאל געבונדן צו־אייננאנדער — גראד דורך דער שארפער קעגנזייטיקער נעגאציע; און אז זיי טוען זיך קאטעגאריש צייכענען, אנזעען, רעליעפירן — איינס אפן פאן פונעם צד שכנגד, דווקא דערפאר; עס מיינט, ווי טיילן צוויי פון איינעם דעם זעלבן מהות...

א, ווייל עס איז שוין די העכסטע צייט צו אנען: אז א אפשיין בלויז פון דעם אייביקן איינציקן געשעען אין דעם וועלטאלישן זיין, טוט אפ־שלאגן זיך־אפשפיגלען און מאכן גראוויטירן פארשיידן — אין דעם (אין אלגעמיינע שטריכן געצייכנט.) צוויי־שטאקיקן קיום פון ביאלאגישן מענטש; אין איטלעכן שטאק באזונדער — מיט א אנדערער וואר, לעבן; אין איטלעכן שיכט — אנדערש; אין איטלעכן שטראם — פון מאטעריע און גייסט, פון טאג און נאכט — שארף־אויסגעשפראכן־אייגנארטיק...

און דאך, שטראמען און עס צאפלען און עס שטרעקן זיך די צוויי, אין־לעבן־באזונדערע, זיך־קעגנזייטיק־אויסשליסנדע ליניעס, אין פאטאלן

דורכלעבנדן טויט־דראַנג — צו איינוניינציקער אומענדלעכקייט; וואו עס דערוואַרט זיי שוין יאָ — די אַנבאַגעגעניש, די ליבע־צוזאַמענבאַהעפטונג, אין אומקום...

און דאָך, טרייבן און עס שטורעמען אַלע ווילד־פרעמדע נחלים, און זיי צייכענען זייערע בלוטיקע שליאַכן — צו איינוניינציקן ים פון אין־כּוח...

יאָ) דער מענטש, אין זיין אומויפהערלעכן ביאָלאָגישן שטראָם — פון כּאָאָס, צו אין־סוף — טראַנספאָרמירט זיך, ענדערט זיך, באַנייט זיך, נאָכאַנאַנד; אַף אַזוי ווייט, — אַז עס איז, היינט, נישט צו דערקענען אין אים — ד ע ם , פון נעכטן; און אַט דער גאַנצער אַפּפלוס זיינער, פון פריער, דאַרף אים ערשט פאַרקומען — ווי אַ טרוים פון זיין ביאָ־לאָגיע: עס איז י אָ ־ געשען מיט אים, און נ י ש ט ־ געשען מיט אים, אַלציינס; ער איז י אָ ־ געווען, און נ י ש ט ־ געווען, באַ־גלייך...

אָבער, דאָס זעלבע איז חל — נישט נאָר לגבי דעם ביאָלאָגישן שטראָם אין (דאָס כּלומרשט־געשעענע מיט) אים גופא, — נאָר אויך בנוגע אַלע אַנדערע ביאָלאָגישע שטראָמען (געשעענישן) — אַרום אים: אַלעס, וואָס איז אַפּגעפלאָסן, (באַנאַנד מיט א י ם ־ פ ו ן ־ א מ אָ ל,) קומט אים איצט פאָר, אין זיין ערשטיקער ביאָלאָגישער וואָר, (און פאַק־טישער וויזיע,) ווי אַ טרוים...

אַזוי, קוקט דער היינטצייטיקער מענטש, אויס זיין איצטיקן ביאָ־לאָגישן שיכט, צי שטאָק — אַף אַלדאָס אַפּגעפלאָסענע פון זיך: זיין נישט־לאַנגסטיק־אַפּגעגאַנגענע און פאַרגאַנגענע געלעבטע ביאָלאָגישע היים; אַט די אַלע פאַרצייטישע תּקופות, מיט זייערע ביאָלאָגישע מענטשן־שטראָמען, געשעענישן; מיט איין וואָרט — ד י ג ע ש י כ ט ע ; דער אומויפהערלעכער אומרואיקער ביאָלאָגישער טויש־פּלוס; דאָס שפּורלאָז־פאַרבייגעטראָגענע, אינערהאַלב דעם אייביקן פאַטאַלן שטראָמען פון דעם זיין; און ער הערט־אויף צו וויסן, אַנען אפילו: — וואָס דאָס אַלץ איז אַזוינס? צי האָט דאָס ווען פּאַסירט, און מיט וועמען? און צי איז, ווירק־לעך, ווען אַמאָל, עפּעס געווען, געשען? צי האָט עמיץ־ווער עקזיסטירט? אָדער, צי עס פּאַסירט; צי עס איז גאָר, בכלל, פאַראַן עפּעס, נעכטן, צי היינט? און צי עס עקזיסטירט זאַגאַר וואָס — אַ נעכטן, צי אַ היינט, אָדער ער אַליין, (אָט דער, אין פלוג, וואָס שטייט און טראַכט און באַאַ־באַכטעט,) אינגאַנצן?..

דער שטראָם פון דעם ביאָלאָגישן מענטש אין דעם זיין, דאָס איז — אַ שטראָם, אין ד ע ם שטראָם; דאָס איז — אַ אומרו, אין ד ע ם אומרו; דאָס איז — אַ טרוים, אין ד ע ם טרוים; דאָס איז — אַ גורל,

אין ד ע ר פּאַטאַליטעט; אַ, דאָס איז — איין טראַגישער בליק, איין אַנגסטלעכער באַנג פון דעם אייביקן עלנטן ליכטיקן זיין: אויסצופּליסן אין דער לייטזעליקער געבענטשטער אומענדלעכער רו פון דעם אומזיין.

יב) ווען מע ווערט צו־גרויס, מאָנסטערהאַפט, עכט, ווערט מען, דאַ־דורך, נאַטירלעך, געוויינלעך, אַ שטיק נאַטור; במילא, הערט מען אויף אַרויסצורופן צו זיך באַוואונדערונג, צי ציען אפילו די אויפמערקזאַמ־קייט; עליי — די זון, די שטערן; מיט איין וואָרט, די סאַמע געוויינלע־בע (גראַנדיעזע) נאַטור.

יג) דער זין איז נישט נאָר ליכטיק אין זיך, נאָר אויך בלינד מיט זיך.

עס איז, דאַרום, נישט־אויסגעשלאָסן, אַז, מחוץ פון זיך, נעגירט ער, בכלל, דעם קיום פון עפּעס. במילא, בלייבט ער אומבאַהאָלפן קעגן דעם אומזין; אַ קעגנער, וועמען ער זעט נישט; הגם, פון דער אַנדערער זייט, קאָן זייער געמאָלט זיין, אַז ער זאָל אַ נ ע ן זיין קעגנגעזעצטע עקזיסטענץ, (פון דעם אומזין,) אַלס פאַן פאַר זיך גופא.

יד) דאָס זעען אומנאַטירלעכע, אוממאַטעריעלע פענאָמענס איז אַ באַ־ווייז, אַז זיי עקזיסטירן קראַנקהאַפט — א י ן א ו נ ז ; צוערשט, אין געהיים; אַזוי לאַנג, ביז זיי רייפן אָן אין די קראַנקע געוועבן פון אונזער ביאָלאָגיע, און אין אונזער געמיט; דאַן, ברעכן זיי אָפּער צום איבערפלאַך; און מיר, דערזעען זיי, בפועל ממש, מיט אונזער חוש הראיה.

עס איז קלאָר, דאַרום: אַז פאַר דעם, וואָס איז קראַנק אַף זיי, עק־זיסטירן זיי, (די געשפּענסטער, די גייסטער, די געטער,) און זיי ווירקן אַף אים — נישט ווינציקער, ווי עס עקזיסטירט און עס ווירקט — די מאַטעריעלע נאַטור — פאַר און אַף יעדן.

איצט, אויב זיי, די אוממאַטעריעלע פענאָמענס, דערשרעקן דעם קראַנקן, — איז זיכער, אַז אָט די דאָזיקע שרעק איז נישט די וואָרענונג־שרעק אין דעם געמיט פון אַ געזונטן — פאַר אַ ווירקלעכער מאַטעריעל־עקזיסטירנדער געפאַר; נייערט, דאָס איז, פאַקטיש, אַ ש ר ע ק ע וו ־ ד י ק יי ט , דאָס הייסט, אַ קראַנקהאַפטע אייגנשאַפט — אין דעם כאַ־ראַקטער, אין דעם בלוט און אין דעם געמיט פון דעם סוביעקט גופא; און זי, אָט די שרעקעוודיקייט, איז, אייגנטלעך, נישט עפּעס אַנדערש, ווי די לעכצעניש, דער באַנג, דער באַגער, דער אינטימער אומרו און די לאַטענטע, אָבער, וואָס אַמאָל, אַלצמער שטאַרקער־צאַפּלענדע אַנגסטלעכע בענקשאַפט זיינע: צו דערזעען, קלאָר בולט אָנגערייפט, דעם פענאָמען פאַרן געמיט! און אַפילו ווען דער פענאָמען זאָל דערשיינען, ענדלעך, און דעם קראַנקן אומברענגען, ווערן פיזיש זיין טויט, — איז ער אַליין, (און דווקא דערפאַר,) שיכור עקסטאַטיש ליב, ווילקאָמען, ווייל ער איז — די

טיפסטע איניקסטע אַנטפּלעקונג, די וויזיע, די רעוועלאַציע, דער אידעאַל, דער גאָט, דאָס גליק, די פּאַטאַליטעט, דער גלויבן, די באַפרייונג, די אייביקייט; ער קומט, ער רופט דיך, ער וואַרט אַף דיר, אַז דו זאָלסט גיין מיט אים, כּדי צו דערפילן, דאַדורך, דיין און זיין באַרוף; און אָפּגעבנדיק זיך אים, — דערגרייכט מען די לעצטע אָנרייפונג, די אָנטשפּאַנונג, דעם ברעג, די דערלייזונג, די רו, דאָס אייביקע זיין; (פּאַקטיש, דעם טויט, דאָס אויפהערן זיין.)

עס איז, אַזויאַרום, זיכער: אַז פּונקט ווי בּאַ דער זייט פון געזונטע, עקזיסטירן קראַנקע, — אַקוראַט אַזוי, בּאַ דער זייט פון די געזונטע נאַטור־פענאָמענס, (געזעען דורך אונזערע ראַיעלע מאַטעריעלע חושים,) עקזיסטירן פּעסט די אומנאַטירלעכע פענאָמענס — פאַר יענע, וואָס זעען זיי. און אַזוי גוט, ווי די עקזיסטענץ פון געזונטע איז נישט קיין אויסשלוס פאַר דעם קיום פון קראַנקע, — אַקוראַט אַזוי, איז דער קיום פון געזונטע פענאָמענס נישט קיין מניעה פאַר דער עקזיסטענץ פון פענאָמענס קראַנקע. געזונטע און קראַנקע טיילן אין אַ מענטשן־עדה דערגאַנצן זיך, ווי בילד און פּאָן, קעגנזייטיק. זאָל דאָס זעלבע חל־זיין לגבי געזונטע און קראַנקע פענאָמענס. ווייל די מאַטעריע איז קראַנק אַף דעם אוממאַטעריעלן; און פאַרקערט. דאָס אוממאַטעריעלע עקזיסטירט אין שטראָמט פּאַראַלעל, בּאַ דער זייט פון דעם מאַטעריעלן; ווייל אפילו אין ווייטסטן דמיון, קאָן נישט געמאָלט זיין — איינס, אָן דער פאָרשטעלונג פון דעם צד־שכנגד; לאָז זיין, אין קעגנזייטיקער נעגאַציע, כּדי זיך גופא אַרויסצוהייבן; לאָז זיין, אין גראַוויטאַציע צום קעגנער, כּדי פון אים זיך צו באַפרייען, אין טיפן איניקסטן דראַנג צום קעגנשוואונג. פּונקט אַקוראַט אַזוי, ווי דאָס אידעאַלע העכסטע פילאָזאָפישע זיין, פּליסט בּאַ דער זייט פון דעם אידעאַל־העכסטן פילאָזאָפישן אומזיין...

טו) די קריטיק, וועלכע האָט, ווי באַוואוסט, די אויפגאַבע אָנצואווייזן אַף דאָס ריכטיקע און דאָס נישט־ריכטיקע, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע א. א. וו. — דאַרף זיך געפינען אַליין אַף אַ נייטראַלער אומאָפּהענגיקער פּאָזיציע, מחוץ, מן הצד, אין דיסטאַנץ, איבער ביידע אַלטערנאַטיוועס, כּדי צו זיין אומשטאַנד אַרויסצוטראָגן אַ אורטייל אַ פולשטענדיק־אָביעקטיוון, וועלכער זאָל נישט האָבן אין זיך קיין שמץ פון (סוביעקטיווער) גענויגטקייט (אַטראַקציע) צו דעם, אָדער יענעם צד. אָבער אַזאַ נייטראַלע (דריטע) פּאָזיציע איז אין דעם לעבן גופא נישט־בנמצא.1) אין דעם לעבן, זענען די תחומין פון מאַראַ־

---

1) אַפּילו נישט — אין דער נאַטור, וועלכע איז אַ מאָראַליש אומאָפּוועזנד, און זי פּאָלגט אויס בלויז אירע געזעצן: זי

ליש און אוממאָראַליש, גוט און שלעכט, ריכטיק און נישט־ריכטיק — שטרענג־צעגרעניצט; און די קריטיק, וועלכע האָט די מיסיע — אָט די צעגרעניצונג צו דעפינירן, און די עלעמענטן צו אידענטיפיצירן, — מוז אַליין זיך־אָנשפּאַרן, סומך־זיין, אָריענטירן, זיך־ריכטן, אַרויסגייענדיק אויס אַ געוויסן שטאַנדפּונקט, (דעם ריכטיקן, גוטן, מאָראַלישן;) עס הייסט, זיך־שטעלן, אַפּריאָרי, (נאָך פאַרן צוטרעטן צו וועלכן אַנאַליז,) אויף אַ געוויסן צד, אין אָט דעם אייביקן שטרייט; נו, איז, וויבאַלד אַזוי, — פאַרלירט דאָך באַלד די קריטיק, אומפאַרמיידלעך, דאַדורך זעלבסט, איר אָנשפּאַר אין זיך גופא; בלייבט זי דאָך גלייך — באָדנלאָז; דאָס הייסט, אַז זי פאַרלירט איר בתולימדיקע אָביעקטיוויטעט, ווייל זי ענטפּערט זיך איבער, מיטן גאַנצן לייב און לעבן, צו דער אַטראַקציע פון איר אייגנטימלעכער סוביעקטיוויטעט...

אַזוי, אין פלוג, זעט אויס דער ענין — אויבנויף געמומען. און דאָך, ווען מע גיט אַ טראַכט דערוועגן אַביסל ערנסטער, — אַזוי גיט מען זיך, פאַר אַלעמען, רעכענונג: אַז אויב אין לעבן זענען די תחומין פאַר גוטס און שלעכטס, מאָראַליש און אוממאָראַליש, ריכטיק און נישט־ריכטיק, אמת און שקר — שטרענג־צעגרעניצט, — איז עס בלויז דערפאַר, ווייל אין לעבן קומען אָט די אַלע באַגריפן צום אויסדרוק — אויסשליסלעך דורך אָנווענדונג, דורך טאַט, דורך קאָנקרעטן ל ע ב ן אַליין...

דאַקעגן, לאָמיר זיך, אויף איין ווײַלע, אַבסטראַהירן דערפון, און פּרואוון דערהויבן צום העכערן היסטאָריש־פילאָזאָפישן (ד י אַ ל ע ק ט י ש ־ מ אַ ט ע ר י אַ ל י ס ט י ש ן) אייביקן פלוס פון ווערן און זיין, — אַזוי וועלן מיר גלייך דערזעען — די רעלאַטיוויטעט פון גוטס און שלעכטס, מאָראַליש און אוממאָראַליש, ריכטיק און נישט־ריכטיק, אמת און שקר; אַזוי וועלן מיר גלייך רעוועלירן — דעם אייביקן היסטאָרישן גאַנג, אין צייט און רוים, דעם איבערגאַנג, דאָס הייסט, די באַדינגלעכקייט, און די טראַנספאָרמאַציע פון אַלץ; וואָס דאָס איז — די דריטע נייטראַלע אידעאַלסטע אָביעקטיווע באַרג־פּאָזיציע, אויס וואַנען די (אינטעלעקטועל־מאַטעריאַליסטישע) קריטיק קאָן האַלטן אָנגעשטעלט איר בליק — אויף אַראָפּ, צום קאָנקרעטן סאָציאַלן לעבן, און אורטיילן־קאָנ־

ווערט באַפּרוכפּערט פונעם רשע, אויב ער איז נאָר פּאַטענט, און נישט פונעם צדיק, אויב ער איז אימפּאָטענט; און זי ברענט מיט איר פייער — אַזוי גוט דאָס לייב פונעם גערעכטן, ווי פון דעם אומגערעכטן. דאָך, איז זי נישט — נייטראַל־אָביעקטיוו; און אין יעדע דערמאָנטע פאַלן, ווייזט זי אַרויס איר אַטראַקציע — אָדער צו דער פּאָטענץ, אָדער צו דעם ברענשטאָף...

כסאַטירן: וואָס פאַר דעם איז, (אין דעם, צי אין יענעם היסטאָרישן צייט־אַפּשניט,) גוט צי שלעכט, מאָראַליש צי אוממאָראַליש, אמת צי שקר; מיט איין וואָרט — ריכטיק צי נישט־ריכטיק...1)

דאָס אַלץ, ווי געזאָגט, איז גערעדט געוואָרן — באַם דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישן אויפפאַסן דעם העכערן היסטאָריש־פילאָזאָפישן אייביקן פלוס פונעם ווערן אין דעם זיין.

נו, און באַם דיאַלעקטיש־אידעאַליסטישן אויפפאַסן דעם זעלבן היסטאָריש־פילאָזאָפישן זיין־אין־זיך, (וואָס אונזער אַנזיכטיק מאַטעריעל לעבן איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון אים;) יאָ, איז, ווען מיר טראָגן זיך אַריבער, מיט אונזער אינטעלעקטועלער (קריטישער) קאָנטעמפּלירונג, צו אים; דאָס הייסט, צום אַבסטראַקטן אידעאַליסטישן גוטס און שלעכטס, מאָראַליש און אוממאָראַליש, אמת און שקר, מיט איין וואָרט, ריכטיק און נישט ריכטיק אין־זיך, (אומאָפּהענגיק פון דער דירעקט־קאָנקרעטער אַנווענדונג אין דעם לעבן...), — אַזוי דערזעען מיר גלייך פאַרן דמיון — דעם אייביקן פּאַטאַלן בליץ־אומרו, אין דעם געמיט פון דעם אידעאַליסטישן אַל־גייסט; וויאַזוי דאָס גוטע, אמתע, מאָראַלישע, ריכטיקע אין־זיך, פון איין זייט, און דאָס שלעכטע, פאַלשע, אוממאָראַלישע, אומריכטיקע, פון דער אַנדערער, ראַנגלען זיך שוידערהאַפט אין אים — פאַר אויס־שפּרייטונג; איטלעכער צד, אין פלוג, פאַר באַהערשונג, אַליין־באַגוועלטיקונג; נאָר, אין דער זעלביקער צייט, (אין פּאַטאַלן ליבע־האַס־דראַנג, פון וועלכן קיינער אין דעם זיין איז נישט פריי,) צאַפּלט איטלעכער צד: צו אַנטלויפן אַנטרינען ווערן פון זיך אַליין, פון דעם אייגענעם שיעבוד, און אַריינשטראָמען אין דעם קאָכיקן קאָלכאַויוון פון דעם צד־שכנגד; לאָז זיין — אַ גראַוויטאַציע, כדי אָפּצופרישן זיך אַליין; דערשפּירן באַנייס, שאַרף־פריש־געררייצט — זיך גופאָ; און דאָן, אין פאַרשטאַרקטן פּיינלעכסטן דראַנג, זיך אַ הויב־טון, אין שוואונג, צו זיך; און וחוזר חלילה; און אַזוי, אָן אַ צאָל, אָן אַ ענד... עס הייסט: אַז קיינער בענקט

---

1) דאַקעגן, אויסערהאַלב דעם סאָציאַלן (דורכן אינטעלעקט־געצוימטן) לעבן, אין דער רויער דירעקטער מאַטעריעלער נאַטור גופאָ, (וואָס מענטשנס כאַאָטישע אימפּולס־וועלט איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג דערפון,) איז אַלץ, (ווי דערמאָנט אויבן,) אַסאָציאַל, אַמאָראַליש; פולשטענדיק מחוץ פון גוטס און שלעכטס, פון אמת און שקר; ממש, דער אירעאַלער קאָלירלאָזער כאַאָס אַליין; און דאָך — נישט נייטראַל, ווייל באַגלייט דורך דער אַטראַקציע פון דער זעלבער נאַטור...

נישט אַזוי און צאַפּלט צום שלעכטס, ווי דאָס גוטס; און פאַרקערט; א. אַ. וו., א. וו. אַזוי, אַז עס ווערן אויפגעריסן אין דעם אידעאַליסטישן העכסטן פילאָזאָפישן זיין פון דעם אַל־גייסט — אַלע תחומין, גבולין, באַשטימונגען; ער איז — איין פּאַטאַלער טראַגישער פּלאַטער צו פרייהייט פון אַלץ; נו, איז ער פאַר דער אינטעלעקטועלער קריטיק, (זיין אומטרייע אָפּשפּיגלונג; וועלכע זוכט צו רעבעלירן, זיך צו באַפרייען פון אימפּולס־גראַוויטאַציע,) אין דעם קאָנקרעטן לעבן פון דער וועלט — די עכטסטע נייטראַלסטע פּאָזיציע; אויס וואַנען צו קענען אָביעקטיוו דעפינירן די צעגרעניצונג פאַר גוטס און שלעכטס, מאָראַל און אוממאָראַל, אמת און שקר, ריכטיק און נישט־ריכטיק — אין דער מענטשלעכער אָנווענדונג, אין דער טאַט.

גאַנץ אַנדערש, דאַקעגן, (אין אַלגעמיינע שטריכן גענומען,) רעדט אין אונזער געמיט — די מ ע ט אַ פ י ז י ש ע, (אין קעגנזאַץ צו דער אינטעלעקטועלער קריטיק — די עמאָציע,) אויפפאַסונג פון אַל־גייסט, וועלט און מענטש. זי רעדט פון אייביקע פּערפעקטע אומבאַוועגלעכע אומפאַרענדערלעכע שטרענג־צעגרעניצטע עלעמענטן אין דעם אַל־זיין: ליכט און פינצטער, גוטס און שלעכטס, אמת און שקר, ריכטיק און נישט־ריכטיק. בעת אַלע ערשטע טוגנטן געהערן צו גאָט, (וואָס שפּיגלט זיך אויך אין אונזער האַרץ,) — געהערן אַלע בייזע תכונות צום טייוול, (וואָס שפּיגלט זיך אויך אין אונזער פאַרבלאָנזשעטן אינטעלעקט.) במילא, איז די אינטעלעקטועלע קריטיק — פאַרפירעריש, און פּטור.

אַזוי פאַרזיכערט די מעטאַפיזישע (פון דעם האַרצן,) פילאָזאָפישע אויפפאַסונג, ביז היינט־צו־טאָג; נאַטירלעך — פאַר די, וואָס הערן זי אויס; נו, און אין דעגענעראַטן, כידוע, וואָס גראַוויטירן צו כאַאָס און אויפלייז, איז קיינמאָל אין דער וועלט קיין מאַנגל נישט געווען.

תמיד, ווען דער מענטש ווערט מיד פון ליכט, נעמט ער בענקען און זיך־ציען פאַטאַל צו פינצטער.

נאָכמער. זיין בענקשאַפט צו ליכט איז דערפאַר, ווייל עס האַלט אָן אין אים — די גראַוויטאַציע צו פינצטער. זיין באַנג צו ליכט ווערט באַדינגט — אויסדריקלעך דערפאַר. אָן דער גראַוויטאַציע אין אים צו חושך, וואָלט נישט אויפגעקומען אין אים קיינמאָל — דער אַנגסטלעכער דראַנג צו ליכט. איטלעכער שוואונג מוז האָבן די קעגנווירקונג, די צוים, דעם אָפּהאַלט, די תפיסה, אויס וואַנען עס זאָל קומען די שטרעבונג צו באַפרייונג.

און אַזוי גוט, ווי אַלע אונזערע פיזישע רעאַקציעס ווערן רעגולירט אין באַדינגט דורך דער גראַוויטאַציע; און אין אַזאַ ספער, לאָמיר זאָגן, (אַ שטייגער, אַ צווישן־פּלאַנעטאַרישע,) וואו די גראַוויטאַציע ווערט

אַנולירט, וואָלטן דאָרט גלייך אויפגעהערט אַלע אונזערע נאָרמאַלע אָרגאַנישע פונקציעס, און מיר וואָלטן געוואָרן אויפגעלייזט אין גאָרנישט, — אַקוראַט אַזוי, ווערן אונזערע גייסטיקע רעאַקציעס דורכויס רעגולירט און באַדינגט דורך דער גראַוויטאַציע.

אַזוי ווערט פאַטאַל געצוימט דער שוואונגישער אינטעלעקט — דורך זיין געבונדנקייט צו אונזער בלינדן גראָבן מגושמדיקן חומר, צום פינצטערן בלוט, און דורך זיין פאַטאַלער גראַוויטאַציע צו דער בלינדער וועלט פון די אימפּולסן: כדי ער זאָל — אַזוי טראַגיש־ליכטיק־גערעגט, ווי קיינמאָל אַנדערש — ברענען און פלאַקערן, אין זיין פאַטאַלן שוואונג צו די רוימען, צו זוניקער באַפרייונג!

אָבער, אויב מיר האָבן פריער געפּרואווט באַווייזן, וויאַזוי די אינטעלעקטועלע קריטיק זוכט און געפינט, (נישט געקוקט אַף דער גראַוויטאַציע,) אַ נייטראַלע אָביעקטיווע פּאָזיציע, אויס וואַנען צו קענען דעפינירן און דערקענען דאָס ריכטיקע און דאָס נישט־ריכטיקע (די גוטע און די שלעכטע טאַט,) אין דער (אָנגעשטעלט, געריכטעט צו דער) קאָנקרעטער וועלט פון דעם לעבן, — קענען מיר אָבער איצט זיך דאָס נישט אונטערנעמען צו טון, וואָס אָנבאַלאַנגט די טיטאַנישע אָנשטרענגונגען פון דער זעלבער אינטעלעקטועלער קריטיק, געריכטעט — צו אויפדעקן דאָס רעטזעלהאַפט־מיסטעריעזע און דערקענען דאָס ריכטיקע אויס דאָס נישט־ריכטיקע — אין דעם סאַמע־עצם אייביקן פלוס פון דעם פילאָזאָפישן זיין אין־זיך־אַליין, אין דער אומענדלעכקייט...

דאָ, בנוגע דעם סאַמע־העכסטן פילאָזאָפישן זיין אין פלאַטער, איז דאָך קלאָר — ענטוועדער־אָדער: אָדער ער איז — אומנאַטירלעכער אוממאַטעריעלער ריינער גייסט (דיאַלעקטישער אידעאַליזם); און דאַן איז מאַטעריעלער אינטעלעקט1) העכסטנס מסוגל אָנצואַנען (אַלס שטרעבונג צום קעגנזאַץ פון זיך, זיך צו באַפרייען פון דער אייגענער מאַטעריעלער תפיסה, פון דער אייגענער מאַטעריע, וואָס גראַוויטירט צו דער פינצטערער אימפּולס־וועלט,)

---

1) דער מחבר גייט אַרויס פון יענער פילאָזאָפישער הנחה: אַז סיי לויטן דיאַלעקטישן אידעאַליזם, סיי לויטן מעטאַפיזישן אידעאַליזם, בלייבט דער אינטעלעקט אין אונז — אַ דורכויס מאַטעריעלער פענאָמען; נישט מער: לויטן דיאַלעקטישן אידעאַליזם, איז ער — אַן (אומפּערפעקטע) אָפּשפּיגלונג פון אים; און לויטן מעטאַפיזישן אידעאַליזם, איז ער, אַלס מאַטעריע, די נעגאַציע פונעם אידעאַל, פונעם גייסט, וועלכער נעסטעט יאָ — אין דעם האַרצן...

— ז יי ן ק י ו ם , אָבער באַין אופן נישט — ז יי ן מ ה ו ת ...; אָדער ער איז — העכסטער אײדלסטער פילאָזאָפישער מ אַ ט ע ר י ע־ ל ע ר זיין, (דיאַלעקטישער מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז ם ;) אויס דער זעלבער סובסטאַנץ, (הגם, אומגעהויער העכער.) וואָס אײדעלער אינטע־לעקט; היינט, טאָ וואו זאָל ער נעמען, דער אָרעמער אומבאַהאָלפענער פּאַטאַל־אימפּאָטענטער אינטעלעקט, די כוחות: אַרויסצושטורעמען אויס זיך־אַליין, אויס דער אייגענער הויט, דער מאַטעריע, אום צו קענען געפי־נען יענע נייטראַלע דריטע אָביעקטיווע (גייסטיקע?!) פּאָזיציע, אויס וואַנען צו קענען דערבליקן די זעונג פון דעם העכסטן זיין אַליין?!

סיידן, אַז אויך ער, דער ליכטיקער רעבעלישער פּראָמעטיי־אינטע־לעקט, זאָל צ ו ־ טון זיינע אייביק־הונגעריקע וואַכזאַמע בליקן; און זיך גיין איבערענטפּערן אין שוים פון דער — אַ ל ־ ז עע נ ד ע ר א י נ ט ו א י צ י ע ...

נאָר, השתאַ דאַתינו להכאָ, איז שוין גלייכער — נישט צו לאָזן פאַלן מער איין וואָרט אַפילו דערוועגן; נייערט, פאַרזינקען ליבערשט, (און האָפנטלעך, נאָר ביז אַ צייט,) אין דער רעזיגנאַציע פון שווייגן.

טז) עס איז קלאָר: אַז איין זאַך איז — האָבן געזונטע אויגן און ז ע ע ן , אַז עס איז פינצטער אַרום; און גאָר עפּעס אַנדערש איז — זיין בלינד אין זיך; טראָגן די פינצטערניש אין זיך; נישט זיין מסוגל צו זעען — נישט נאָר דאָס ליכט פון אַרום, נאָר אַפילו נישט די פינצ־טערניש; נישט קענען זעען — נישט נאָר ווען אַרום איז פינצטער, נאָר אַפילו ווען אַרום איז ליכטיק.

אָבער, פון אַנדערער זייט: וואָס איז — ליכט? — אַ אָנווענדונג אין לעבן; אַ אָנייגענונג דורכן מענטשנס אוטיליטאַרן פאַרשטאַנד. אַן און פאַר זיך, איז קיין ליכט נישטאָ. עס גיבט נישט קיין — ליכט־אין־זיך. נאָר דאַן, ווען עס זענען פאַראַן אויגן, וועלכע נעמען עס אויף און, מיט דער הילף פון געדאַנק, פאַרנונפט, ווערט איינגעזעען די נוצלעכקייט דערפון, — יאָ, איז דאַן ערשט, באַקומט דער פענאָמען — נישט נאָר אַ באַטייט, אַ ווערט, נאָר בפועל ממש — זיין ערשטן קיום, אַלס ליכט, וואָס: נישט נאָר — עס לויכט, נייערט — ע ס ב אַ ל ו י כ ט , פאַר עמיצן, פאַר וועמען, אַלס אָנווענדונג, אַפּליקאַציע. יאָ, ערשט דאַן, באַ־קומט ליכט — אַ זין, אַ זכות־הקיום; במילאָ — אַ קיום גופאָ; אַ אָנער־קענונג אינערהאַלב דעם מענטשס וועלט, אַן אויפנאַמע, אַן אַריינלאָז. אַ צוטריט; במילאָ — אַן עקזיסטענץ: אינערהאַלב דעם ראַדיוס פון אינ־טעלעקט, וואָס זוכט פעסטצושטעלן דעם קיום־ ז י ן פונעם זיין...

דאַקעגן, אויסערהאַלב דעם מענטשס וועלט, מחוץ פון זיין זינלע־

בער אַנייגענונג, איז עס, דאָס ליכט — זינלאָז, (הפקר;) במילא, איז עס נישט קיין ליכט; איז עס — גאָרנישט...

עליי — גאָלד, אַלע אַנדערע אוצרות, (ווערטן,) אין אינפאַנטילן צושטאַנד פון דער מענטשהייט, בעפאַר מענטשס געדאַנק האָט אויפגעדעקט (האָט אַנטוויקלט די סאָציאַלע עדה אַזוי ווייט,) זייער עווענטועלן ווערט, באַטייט, אוטיליטאַרישקייט; מיט איין וואָרט, בעפאַר ער האָט אויסגעפונען, מיט זיין זין, די פאַרנונפטיקייט, די צוועקמעסיקייט פון זייער אַנייגענונג; דאַן, ווען זיי האָבן זיך נאָך געפונען הפקר, — זענען זיי, אַן און פאַר זיך, קיין אוצרות נישט געווען; זענען זיי אין זיך געווען — גאָרנישט; אַפילו נישט — ווערטלאָז; נייערט, ממש — זינלאָז; מחוץ פון די גבולין פון זין; במילא, בפועל־ממש — קיומלאָז; ווייל אַלץ, וואָס ווערט פון זין נישט אויפגענומען, אָדער אָפגעשליידערט, אַלס מינדערוועריק, גאָרנישטווערטיק, געשטעלט אויסערהאַלב דער וועלט פון זין, — איז פאַר אָט דער דאָזיקער וועלט, (וועלכע, ווי דערמאָנט, רעגיסטרירט דעם ז י ן ־ ק י ו ם פונעם זיין,) בפועל־ממש — נישט־עקזיסטירנד...

דערפון, ווערט באַשיינבאַרלעך העל און קלאָר פאַר יעדן: אַז אין אַ וועלט פון אַבסאָלוטער בלינדקייט, אין אַ וועלט אָן אויגן, פאַלט אַוועק, אַנטפאַלט לחלוטין ממש — דער קיום זעלבסט, דער אַזויגערופענער אומאָפּהענגיקער קיום־אין־זיך פון ליכט, אַקוראַט ווי פון פינצטער.

זיי ווערן — זינלאָזע לעבנלאָזע באַגריפן, אויסגעלייזדיקט פון זכות־הקיום, פון שענקען זיי אויפמערקזאַמקייט, פון באַרעכטיקן זייער זיין; זיי פאַלן אין ווערט — ביז גאָרנישט, ביז גאָרנישט־זיין; זיי זענען, בפועל ממש, נישטאָ, נישט בנמצא — אין דער זין־וועלט פון מענטשנס לעבן.

זיי זענען אַזוי ווייט אַבסטראַקט און נישט־קיומדיק, ווי גאָט־אין־זיך, (דאָס אייביקע פּערפעקטע ליכט אין־זיך, וואָס אָן דעם קיום פון מענטש, פאַר וועמען עס זאָל לויכטן, איז עס זינלאָז, איז עס נישטאָ; יאָ, ווי גאָט, מיט זיין אייביק פּערפעקט בלוטלאָז **ביאָלאָגישלאָז** ל ע ב ן ...; וואָס איז פאַר דעם מענטש פון איינציקן זינלעכן מעגלעכן ב י אָ ל אָ ג י ש ן לעבן, באַזירט אַף באַוועגונג, אָנהויב און סוף, אויפגאַנג און פאַרגאַנג — זינלאָז, לעבערלעך; במילא, נישט־דערלאַנגבאַר, נישט־קיומדיק, נישט בנמצא, לגמרי נישטאָ;) וואָס מיטן צאַפּלדיקן קעמפנדן בלינדן מענטש אין לעבן האָט דאָס אַלץ גאָרנישט צו טון.

און זאָל דער עלנטער מענטש בלייבן אייביק בלינד, — דאַן וועט ער, אַף כוח, ווערן — דער גרויסער ס ג י ־ נ ה ו ר ; און ווייטער אָנגיין, ווי געווען, מיט זיין רעבעלישן קאַמף פאַר פרייהייט...

יז) אזוי גוט, ווי דער גאַנצער פ י ז י ש ע ר אופן קיום פון מענטש

קאָן נישט געמאָלט זיין אָן גראַוויטאַציע: אָט די צוצי־קראַפט, וועל־כע איז דער אויסגאַנג־פונקט (דער סטימול) צו אַלע באַוועגונגען (שטרע־בונגען) פון מענטשס אָרגאַניזם — קעגן איר, דאָס הייסט, זי צו באַ־קעמפן און זיך פון איר צו באַפרייען; און אין פאַל, ווען עס פאַלט אוועק די גראַוויטאַציע, זי ווערט אַנולירט, (נישט דאָס זעלבע, וואָס — נייט־ראַליזירט, עס מיינט, אַז זי איז נאָכאַנאַנד פאַראַן אין ווירקונג, און עס פאָדערט זיך כסדר אַ קעגנאָנשטרענגונג, כדי זי צו נייטראַליזירן; גייערט, זי הערט אויף, זי ווערט בטל אינגאַנצן: ווי, למשל, באַם אינסטאַלירן דעם מענטשס גוף אין אַ צווישנפּלאַנעטאַרישער פּאָזיציע, אַף אַזאַ ווייַ־טער דיסטאַנץ פון דעם ערד־קויל, וואוהין עס גרייכט נישט די גראַווי־טאַציע פון דער ערד, און אויך נישט די צוצי־קראַפט פון ערגעץ־אַנדערש,) אַזוי הערן גלייך אויף אַלע פונקציעס, דאָס הייסט, די באַוועגונגען פון מענטשס אָרגאַניזם, וועלכע זענען דורכוים באַזירט, ווי געזאָגט, אַף די אָנשטרענגונגען קעגן דער גראַוויטאַציע: ווי גיין, הענט־טואונגען, פאַר־דייונגען, אָטעמונג, בלוט־צירקולירונג, דאָס טראַכטן, פילן, שפּירן פון זיינע ביאָלאָגישע מאַרך, האַרץ, אימפּולסן, א. אַ. וו.; און וועט וועלן דער מענטש פאָרזעצן זיין פיזישן קיום און אָנהאַלט, אַזוי וועט ער אַף יענעם צווישנפּלאַנעטאַרישן מקום, וואו ער וועט זיך געפינען, מוזן דערפינדן אַ נייע (בפירוש — פיזישע) גראַוויטאַציע פאַר זיך; (לאָמיר זאָגן — אַפן סמך פון די לעצטע אַסטראָנאַווטישע פאָרשונגען וועגן אינסטאַלירן קינסטלעכע סאַטעליטן אויסערהאַלב דער ערד־גראַוויטאַציע — דורך דעם פאַרקערן, באַנאַנד מיטן סאַטעליט, אַרום זיך גופאָ;) כדי, אויס אָט דער גראַוויטאַציע, ווייטער קענען אָנגיין מיט זיינע קעמפערי־שע לעבנס־פונקציעס — פון איר זיך צו באַפרייען, ווי געווען, — אַקו־ראַט אַזוי, קאָן דער ג ייס ט י ק ע ר קיום פון מענטש נישט גע־מאָלט זיין — אָן גראַוויטאַציע; די שוואונג־טעטיקייט פון מענטשס אינ־טעלעקט און זיין דראַנג, זיך צו דערהויבן איבער די טאָלן, צו דער הויך, צו די לויטערע רוימען, צו די הימלען און זונען, — אָן דער שווערער פּאַטאַלער גראַוויטאַציע — צו דער וועלט פון געפילן, צום אומקלאָרן בלוטיקן לעבן פון דער נידער; אויס וואַנען רעבעלישער אינטעלעקט וועט עס שטרעבן נאָכאַנאַנד — זיך צו באַפרייען און זיך צו דערהויבן; און דאָך, פון פולבלוטיקן צאַפּלדיקן לעבן זיך קיינמאָל נישט אָפּרייסן, נישט אָפּטיילן, נישט אָפּשיידן — אַף אַ האָר... עס הייסט — דווקאָ דערפאַר...

(ווייל דאָס, דאַרף מען וויסן זיין, איז — דער איינציקער פּאַטאָ־לער זין פון לעבן: אינטעלעקטועלער שוואונג צו די רוימען — כדי מיט

זיך צו דערהויבן, בסדר, נאָכאַנאַנד, דאָס גאַנצע לעבן; יאָ, עס איז דער שוואונג — פאַר דער וועלט, פאַר דעם מענטש, פאַר דעם בלוטיקן מענטשלעכן לעבן... עס איז אינטעלעקט פון בלוט — נישט איינגעשלאָסן הערמעטיש אין זיך; נייערט געריכטעט און געבונדן, מיט זיין גאַנצן קיום און זין, צום מענטש פון לעבן...)

דאַקעגן, זאָל מען זיך פּרוּוון פאַרשטעלן — אַ אידעאַלן אינטעלעקטועלן שוואונג־אין־זיך, (דאָס געמיט פון גאָט,) מחוץ פון לעבעדיקן מענטשלעכן בלוטיקן לעבן; עס הייסט, פריי פון דער גראַוויטאַציע צו דער מענטשלעכער פיין־וועלט פון צאַפּלדיקע געפילן, — אַזוי הערט גלייך אויף דער רעבעלישער שוואונג פון אינטעלעקט; ער ווערט — זינלאָז; אויסגעליידיקט פון יעטוועדן לעבעדיקן זכות־הקיום; במילא, אָפּגעפרעגט, קיומלאָז; ממש, נישט בנמצא אינגאַנצן. ד אָ ס ווערט — אַן אַבסטראַקט טראַכטן לשם טראַכטן; אַ דענקען לשם דענקען; אַ באַבאַכטן, אין נאָכדענקען, די אייגענע אויסגעליידיקטע זינלאָזע מחשבה; ביז דאָס נישט־דערלאָזבאַרע מוז באַלד אויפהערן זיין; נישט־ווערן לגמרי.

און אַפילו ווען די פאַרשטעלונג (אין דעם הערמעטיש־איינגעשלאָסענעם אין זיך, מחוץ פון מענטשלעכן לעבן, געטלעכן געמיט,) וועט דערפינדן, אין דעם אייגענעם געטלעכן דמיון — אַ אַ נ ו נ ג פון געפילן, (אַ אַ נ ו נ ג פון לעבן,) כדי אין דעם אַנצובינדן דעם אייגענעם אינטעלעקט, ווי צו דער דערפונדענער אויסגעטראַכטער גראַוויטאַציע־אין זיך, צוליב זיין ווייטערדיקן שוואונג־דראַנג צו דערהויבונג, צו באַפרייונג, — וועט דאָס אַלץ, אינגאַנצן גענומען, קיינמאָל נישט באַוויזן אַריבערצושריטן די תחומין פון אויסגעליידיקטער (אויס יעטוועדן לעבעדיק־מענטשלעכן בלוטיקן זין,) אַבסטראַקטער פאַרשטעלונג: וועגן זינלאָזן לעבנלאָזן געדאַנק, אין זיין שפּיל — זיך כלומרשט צו באַפרייען פון פּינקט אַקוראַט אַזאַ זינלאָז לעבנלאָז געפיל; אַ שפּיל אַזאַ, אַ פאַרשטעלונג, וואָס האָט מיטן לעבעדיקן מענטשלעכן טראַגישן לעבן און פיין גאָרנישט צו טון; וואָס ווערט אָפּגעפרעגט דורך מענטש־טיטאַן, אין זיין קאַמף; וואָס ווערט פון אים אָפּגעשליידערט, אַלס זינלאָז, לעכערלעך, אָן קיום; כדי פריי צו עפענען דעם וועג פאַר איינציקן טראַגיש־שיינעם מענטשלעכן פאַטאַלן שוואונג — צו דערהויבונג און אומויפהערלעכער ז י ך ־ אַנטפּלעקונג, אין דער אַלוועלט פון דעם זיין...

יח) עס דאַרף נאָך אַלץ ווערן אויפגעקלערט: צי די אָביעקטיווע קריטיק, (וועלכע האָט די אויפגאַבע, דעם באַרוף צו צעגרעניצן דאָס ריכטיקע און דאָס אומריכטיקע,) איז אויך אומשטאַנד צו זיין אָביעקטיוו — לגבי זיך־גופא; דאָס הייסט, באַאָבאַכטן אָביעקטיוו, (נייטראַל, אויס אַ דריטער פּאָזיציע, אויס אַ דיסטאַנץ פון אומאָפּהענגיקייט פון זיך

אליין.) זיך זעלבסט; עליי, אַ שטייגער, ווי מע באַאָבאַכטעט אַ טויטן אינסטרומענט, אַ מכשיר, כדי פעסטצושטעלן די פּרעציזקייט פון זיין פעיקייט צו מאַכן די נויטיקע קאָנסטאַטירונג וועגן דער ריכטיקער וואָג, אָדער דער מאָס פון עפּעס, וואָס מע הענגט אַף אים אָן, (אַף דעם אינ־סטרומענט.) צופעליק, און וועלכעס האָט מיט אים אַליין, (נישט — די־רעקט, און נישט אַפילו — אומדירעקט.) לחלוטין קיין שום אָנגעהערי־קייט נישט, באַין אופן אין דער וועלט; אָדער זי, די אָביעקטיווע מאָס (קריטיק) צו אַלץ אַרום, איז צו זיך אַליין, דאָס הייסט, צו איר אייגענער אויפגאַבע־באַרוף־פונקציע — סוביעקטיוו, נישט־גלייכגילטיק; פון זיך גופא — נישט־אָפּטיילבאַר; מחוץ פון זיך, אָדער א י ב ע ר זיך זעלבסט, נישט־מסוגל זיך צו שטעלן, אום צו קענען באַאָבאַכטן זיך גופא, קריטיקירן זיך אַליין, ווערן די קריטיק פון דער קריטיק; די מחשבה פון דער מחשבה; ניין; זי איז בלינד־פאַטאַל משועבד צו זיך... נו, און אַפילו ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז זי, די אָביעקטיווע קריטיק, איז אָביעקטיוו אין זיך; דאָס הייסט, אָביעקטיוו דורכונדורך, הן מלבר, הן מבפנים; און אַז אין איר תוך־תוכה ופנימיותה איז איר תכונה אַזוי — די אידעאַלע אָביעקטיוויטעט אליין — וועלן מיר דאָך אָבער מוזן צוגיבן: אַז דווקא דערפאַר, איז איר טיפע אינטימע פאַטאַלע בענקשאַפט, איר גראַוויטאַציע — צו סוביעקטיווי־קייט, דאָס הייסט, צום פאַרקערטן פון זיך: אום צו קענען ז י ך (און נאָר אַזוי, נישט מעגלעך אַנדערש,) אַ ל יי ן אָפּן קעגנערישן פאָן אָנצוזעען, אויסצוטיילן; שאַרף און בולט זיך־ווייזן אַף דעם צד שכנגד.

דאָס הייסט, אַז די אידעאַלע אָביעקטיוויטעט, (פונקט, ווי דער צד־שכנגד.) איז אין איר תוך — אַ קעמפערישע, אַן אַקטיווע, אַן אומרואי־קע, אַ אָנגרייפערישע; און, אין אָט דעם פאַטאַלן פאַרכישופטן קרייז אירן, במילא — דאָס פאַרקערטע דערפון, וואָס זי איז, לויט איר אויפ־גאַבע און איר אָנגעבן־זיך, מחויב, מיט אַן אמת, צו זיין...

דאָס; און נאָך עפּעס. אָננעמענדיק, אַז די אידעאַלע אָביעקטיווע קריטיק איז, לויט איר מהות, איר כאַראַקטער־אייגנשאַפט, מסוגל און באַרופן צו צעגרעניצן איבעראַל — דאָס ריכטיקע, און דאָס אומריכטיקע — מוז מען דאָך גלייך צוגיבן: אַז אָט די פונקציע פאַר דער אָביעקטי־ווער קריטיק זעלבסט איז נישט דורכוים — קיין מאָראַלישע; ניין; ווייל אַזוי גוט, ווי די אָביעקטיווע קריטיק ווייזט אָן — וואָס עס איז ר י כ־ט י ק ־ מאָראַליש — אָקוראַט אַזוי, מיט איר זעלבן באַרוף, צייגט זי — וואָס עס איז ר י כ ט י ק ־ אוממאָראַליש; און גענוי די זעלבע פראַצעדור מאַכט דורך די אָביעקטיווע קריטיק — באַם דעפינירן: וואָס עס איז ריכטיק־שיין, ריכטיק־מיאוס; ריכטיק־גוט, ריכטיק־שלעכט; ריכ־טיק־אמת, ריכטיק־שקר; בעת זי אַליין, די קריטיק, האָט נישט קיין שום

פאַרצוג — נישט צום ערשטן, נישט צום לעצטן; נייערט, זי געהערט אויסשליסלעך — צו דער פעסטשטעלונג פון דער אומפּערזענלעכסטער בלוטלאָזסטער לעבנסלאָזסטער אוממענטשלעכסטער ר י כ ט י ק יי ט אַליין...

ווייל זי, די העכערע אידעאַלע אָביעקטיווע קריטיק אין־זיך, (מוז מען אָנערקענען,) איז — מחוץ פון לעבן, וועלט, מענטש: וואו אָט די אַלע פורעמס פון מאָראַל און עסטעטיק ווערן אויסגעפּאַכטן א ו ן אַ נ ג ע וו אַ נ ד ן , אין קאַמף פאַר געבורט, קיום און עקספּאַנסיע.

זי, די אָביעקטיווע אידעאַלע קריטיק אין־זיך, איז — פולשטענדיק־אַמאָראַליש, אַעסטעטיש; מיט אַלע פאַרשטענדלעכע פאָלגן, וואָס מע קען נאָר דרינגען דערפון...

זי — אָט די אָביעקטיווע אַמאָראַלע, אַעסטעטישע טויט־פּערפעקטע אידעאַל־אומדיפערענטע מאָנסטער־קריטיק אין־זיך — איז, פונקט ווי דער סאַמע־ראַדנע מאָנסטעריעזער אידעאַל־אין־זיך פון דעם זיין אַליין, (גאָט): וועלכער איז ע ר ש ט — אומפּערזענלעך, בלוטלאָז, אוממענטשלעך, לעבנלאָז; וועמעס פּערפעקטער גרויזאַמער פעלזנאומדערשיטערלעכער אמת אין־זיך איז בלויז — די שוידערלעך־טויטע אַמאָראַלע אַאידעאַלע פולשטענדיק־ניהיליסטישע פעסטשטעלונג — פון דער אַבסטראַקטער ר י כ ט י ק יי ט , און נישט מער...

און פונקט ווי אין דער אייז־קאַלטער, פון־בלוט־צאַפּלדיקן־לעבן־אויסגעליידיקטער אָביעקטיווער קריטיק, — אַקוראַט אַזוי, אין דעם רויִק־פּערפעקטן מהות פון דעם אַלזיין, זענען די עלעמענטן פון גוטס און שלעכטס, שיין און מיאוס, מאָראַליש און אוממאָראַליש, אמת און שקר — לעבלאָזע באַגריפן בלויז; אַבסטראַקטע קאַטעגאָריעס, אַנונגסלאָזע פון יעטוועדן אַנגסט־פּיינפולן געראַנגל; מיט אָט די אַלע טראַגישע אַלטערנאַטיוון — ווי בא דעם מאַן פונעם לעבן — פון עליות און ירידות, און ווידערבאַנייטן דראַנג צו שוואונג־דערהויבונג אין פלאַטער...

ניין. דער אידעאַלער אָביעקטיווער קריטיק, און איר אידעאַל־פּערפעקטן מאָדעל, דעם אַלזיין אַליין — איז פרעמד דאָס אַלץ, ווילד־אומבאַקאַנט...

און עס קומט אויף, פון זיך אַליין, די פראַגע: — אָן דעם מענטשלעך־קאָכעדיקן בלוטיקן טראַגיש־טיטאַנישן קאַמף, אין דעם פּאַטאַלן בלינדן תפיסה־לעבן — זיך־אַרויסצורייסן, (מיט גוטן, צי מיט בייזן, מיטן סאָציאַל־גלייכן, צי מיטן אומגליקלעך־אין־פּיין־אויסגעקרומטן וועג,) — צו דער פריי, — וואָס פאַר אַ זכות־הקיום וואָלט דען פאַרבליבן איינגאַנצן — פאַר אָט דער נשמהלאָזער אָביעקטיווער קריטיק; און

פאַר איר פּראָטאָטיפּ — אָט דעם פּערפעקטן לעבנלאָזן אידעאַל פון דעם זיין?!

— יאָ; אָן דעם טראַגישן זיין פון מענטש; דער אַנטיפּאָד זייערער; אַף וועמעס פּאָן זיי גלאַנצן, אין דער גרויזאַמער טויט־פּערפעקציע; און צו וועמען, (צום טראַגיש־טיטאַנישן מענטש,) זיי בײדע, (דער העכסטער אידעאַל, און זיין אָפּבילד, די אָביעקטיווע קריטיק,) גייען אויס, אין פּאַטאַלן באַנג: לאָז זיין — אומצוקומען, ווי ער; נאָר, בעפאָר, — כאָטש איין רגע בלויז — אָן אָטעם־טון מ י ט ל ע ב ן; שיין־טראַגיש־פּאַטאַל־קעמפעריש, ווי ער; אָ, אין זיין אייביקער קאָכיק־שטורמישער, לעבעדיק־מענטשלעך־אומפּערפעקטער רעבעליאָן...

סוף

ב. איירעס, י. 1951.

אינהאַלט:

די געבענטשטע מענטשלעכע פּיין — — — — — — — — — — 4

נ אָ כ וו אָ ר ט: צוויי פּאַראַלעלע ליניעס שטראָמען צו דער
אומענדלעכקייט — — — — — — — — — — — — — — — — 60

מעלדונג צו פארלעגער:

דער זעלבער מחבר האט פארענדיקט, נאך לאנגע יארן ארבעט, א גרויסן ראמאן וועגן דער בארימטער ליבאוויטשער ישיבה, (געגרינדעט דורכן רבין שלום־דובער שניאורסאן ז״ל,) אונטערן טיטל:

„אין די טריט פון משיח״

(בילדער פון א אייביקער אידישער וועלט.)

אין פאלגענדע פינף טיילן:

א) אלט־ניי שמידאוויץ.

ג) יאסל, אברהם־יואל דעם קאצקערס.

ג) „שכינתא בגלותא״.

ד) די אלטע וועלט.

ה) דער אויפשטאנד פון די תמימים.

דער מאנוסקריפט וועט האבן אין דרוק — העכער 800 זייטן. (50 דרוק־בויגן.)

מיט פארשלאגן וועגן ארויסגעבן דאס ווערק, זיך־ווענדן:

M. GRANITSTEIN

Calle Reconquista 439

Buenos Aires

Rep. Argentina

Este libro se terminó de imprimir
el día 1º de Diciembre de 1951 en
los Tall. Gráficos de Julio Kaufman,
Corrientes 1976, Buenos Aires.